# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

**נומער 36 • מאנטאג, ט"ו אדר א' תשפ"ז • 22סטן פעברואר 2027 • די וואך פון פרשת כי תשא**

אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה

תהלים קכו, ב

**אין דעם נומער**

**ווען ארבעט א בדחן?**
שאץ מאץ • פעליעטאן

**די פלאבע־ערד געמיינדע**
יאיר • וויסנשאפט

**„אידישע תאוות“**
קטלא קניא • רעצענזיע

**חרדי'שע הומאר**
אפטימיסטיש און די ליינער • שמועס

**פון וואנען נעמט זיך פארשטעלן?**
צדיקל און אנדערע • היסטאריע

**ס'רעגנט ס'גיסט**
כוכב • הומאר

ארכיוו

נומער 36 • מאנטאג, ט"ו אדר א' תשפ"ז
22סטן פעברואר 2027 • די וואך פון פרשת כי תשא

הקדמה

# לאכן: א נומער לכבוד שושן פורים קטן

היינט איז שושן פורים קטן, און ווען נישט יעצט – ווען דען זאל מען לאכן? דער נומער איז געווידמעט דעם געלעכטער: וויצן, פּאראָדיעס, בדחנים און פורים־שפּילן, אבער אויך דער ערנסטער פראגע וואס אונזער שמייכל זאגט אויף אונז אליין.

אינעם הויפּט־ארטיקל עפנט „שאץ מאץ" דאס טאג־ביך פון א בדחן: ווי אזוי מען זאמלט „אינפארמאציע" ביי מחותנים וואס ווייסן אליין נישט וואס זיי ווילן, און פארוואס א בדחן דארף מאכן לאכן און נישט וויינען. אינעם שמועס פון דער וואך פרעגט „אפּטימיסטיש" וואס פון אונזערע מנהגים וואלט א גוי בכלל פארשטאנען – פון סעלצער שמחת תורה ביז שבת קאפּעלוטש – און די לייענער טענה'ן צי אונזער הומאר איז טאקע אזוי אנדערש.

אין דער וויסנשאפט־שפּאלט שטעלט „יאיר" פאר די פלאכע־ערד געמיינדע, א טעאריע וואס מען קען זי נישט לייענען אן לאכן. אין דער היסטאריע זוכן די לייענער די מקורות פונעם מנהג זיך צו פארשטעלן פורים און פונעם קלאפּן ביי המן. „בעל מדות" און זיינע חברים פארציילן שלימזל'דיגע מעשיות מיט א שמייכל, „קטלא קניא" שרייבט א קריטיק אויף מאטי אילאוויטש'ס ליד „אידישע תאוות", און „כוכב" פארשט די טיפע היסטאריע פונעם ניגון „ס'רעגנט ס'גיסט".

אין די פערל: זאצן וואס האבן די שרייבער אראפּגעווארפן פון בענקל, חכמות פון קינדער, און ווערטלעך פון פשוטע אידן. אין „היינט מיט . . . יאר צוריק": א בחור וואס טאנצט מיט א בעזים אין אדר (2005), און א שפּאציר איבער די וויליאמסבורגער גאסן פורים (2015).

אלע שטיקלעך זענען אויסגעקליבן און מגיה געווען; וואו מען האט פארקירצט, איז עס אנגעצייכנט. די פולע מקורות געפינט איר אויפן לעצטן בלאט.

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער

| | | |
|---|---|---|
| **הויפּט־ארטיקל • פעליעטאן** | ווען ארבעט א בדחן? • שאץ מאץ | **3** |
| **א שמועס פון דער וואך** | חרדי'שע הומאר: וואס פארשטייט א גוי? • אפּטימיסטיש, הכנה דרבה, berlbalaguleh און אנדערע | **7** |
| **וויסנשאפט** | די פלאכע־ערד געמיינדע • יאיר, יידל און אנדערע | **10** |
| **היסטאריע • מנהגים** | פון וואנען נעמט זיך דאס פארשטעלן פורים? • צדיקל, א געלעכטער, דולה ומשקה און אנדערע | **12** |
| **איבערלעבונגען** | שלימזל'דיגע מעשיות • בעל מדות, געוואלדיג און אנדערע | **15** |
| **קולטור • רעצענזיע** | „אידישע תאוות": אידישער חוזק אדער גוי־פּאביע? • קטלא קניא, אישתישבי און אנדערע | **18** |
| **הומאר • פּאראָדיע** | היימישע פאלקלאר און דיכטונגען • כוכב און די לייענער | **21** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | **23** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | **25** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • הייליגע קוה | **27** |
| **מקורות** | מקורות • די רעדאקציע | **28** |

הויפט־ארטיקל • פעליעטאן

# ווען ארבעט א בדחן?

דער טאג־ביך פון א בדחן: ווי אזוי ער זאמלט „אינפארמאציע“ ביי די מחותנים, צווישן וועלכע טראפן ער דארף לויפן, און פארוואס א בדחן דארף מאכן לאכן און נישט וויינען. עטליכע פאראגראפן זענען פארקירצט.

פון **שאץ מאץ**

די ערשטע חסידישע בלאגס • שאץ מאץ • „ווען ארבעט א בדחן?“ • 13טן אפריל 2010
https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/26.html

סדר היום?... שרייב ענדערשט סדר הלילה, אפשר גאר איז עס ביידע, סיי סדר היום און סיי סדר הלילה, לאמיר טאקע כאפן א שטיקל בליק אויף דעם צעהאקטן סדר היום פונעם בדחן, און כדרכי בקודש פנימה צו קוקן אבסיל אויך אויף דער אנדערער זייט וואנט,

צום אלעס ערשטן מוז באטאנט ווערן אז בדחנות איז א פאך, דאס איז נישט קיין סתם לײדיגייערי, יעדער פארשטייט אז ווען מ'לאזט שרייבן א פאום פון 15 שורות, וואס פאנגט זיך אן גאלדא בילא און ענדיגט זיך מזל טוב אמן, באצאלט מען פאר דעם 30 – 40 דאללאר, פארוואס אזויפיל ווען יענער שרייבט נאר 15 שורות ארויס פון די ערמל?, ווייל ס'איז א פאך... ער קען, און דו קענסט נישט, ממילא וועסטו באצאלן, כמו כן איז בדחנות, ס'איז א פאך וואס ווייניג מענטשן קענען, והא ראי' אז ס'קומען צו ווייניג נייע בדחנים, וואס לעומת זה אין דער זעלבער צייט וואקסן זינגער'ס און שפילער'ס ווי שוועמל נאך רעגן, ווייל בדחנות מוז מען קענען.

גוט, בדחנות איז א פאך, נו וואס?, וואס ווילסטו יעצט?...
כ'וויל אזויפיל אז אויב בדחנות איז א פאך זאלסטו רעספעקטירן דעם פאכמאן, און נישט נאר האבן דרך ארץ פארן בדחן אליין, נאר אויך דרך ארץ אפי' פארן ארטיקל וואס רעדט פון בדחנות, פארשטאנען?.... שא.... דרך ארץ!!!!

פון וואס באשטייט בדחנות?, און וואס זענען די אויפגאבעס פון א בדחן?, גלייבטס מיר רבותי דער תירוץ איז גאר א שווערע, ווייל יעדער מענטש וויל עפעס אנדערשט הערן, ממילא אויב איז דא 100 טעג אין יאר וואס מ'קען חתונה מאכן (באלד וועלן מיר מאכן א חשבון) האט דער בדחן 100 אויפגאבעס פון 100 דזשאבס, פשוט צופרידן צו שטעלן די 100 מענטשן, און אלוועלטליך איז דאך שוין ידוע אז צופרידן שטעלן מענטשן איז גאר א שווערע עסק, על אחת כמה וכמה דא מיט בדחנות, לאמיר דאס טאקע פראבירן צו צולייגן.

אויב איז שווער צופרידן צו שטעלן מענטשן ווען מענטשן קויפן סיי וועלכע חפץ, איז ווען ס'קומט צו בדחנות ווערט דאס פיל מער קאמפליצירט, ווייל כבוד, איז די סענסעטיוועסטע חלק פון א מענטש, יעדע מענטש רעאגירט אנדערשט צו זיין כבוד, א מענטש טוט אלעס אויף דער וועלט צו ראטעווען אדער האלטן זיין כבוד אויפן פלאץ, און ווען ס'קומט דער זמן פון באקומען כבוד ווערן מענטשן אינגאנצן ארויס פון גלייכגעוויכט, איינער פגר'ט נאך כבוד, איינער ווערט רויט פון כבוד, איינער האט הנאה בלויז אביסל כבוד, איינער לויפט גאר ארויס און לויפט אוועק פון כבוד, שטייט דא דער בדחן מיט א לעפל כבוד און טיילט..., נו, פון וואו זאל ער וויסן וויפיל איז די מאס און וויפיל אריין צו גיסן, מיט וויפיל כבוד איז יענער צופרידן מיט וויפיל איז ער נאך הונגעריג, וואלט איך געזאגט אז אויסער דער השלמה פון קענען גראמען און צוזאמען פארן ווערטער איין מיט שטיין, דארף דער בדחן זיין א שטיקל בעל רוח הקודש און קענען אויסשמעקן וויפיל איז דער שיעור פון יעדנ'ס כבוד, גאנץ א שווערע עבודה.... ניין?

דאס איז אויסערליך לגבי צופרידן צו שטעלן די מענטשהייט, יעצט לאמיר פארשטיין וואס דארף אלץ א בדחן קענען,
1) גראמען, פשוט וויסן וועלכע ווארט גראמט מיט וואס, דהיינו בשעת ווען ער גראמט זאל ער שוין וויסן ביים ערשטן ווארט וואס קומט נעקסט, אז בחור מיט זכר גראמט.

2) זינגען, א בדחן וואס קען נישט זינגען, קען היינט נישט עסזיסטירן, מ'מוז האבן די חוש הנגינה, פירן א ניגון ארויף און אראפ.

---

**דארף דער בדחן זיין א שטיקל בעל רוח הקודש און קענען אויסשמעקן וויפיל איז דער שיעור פון יעדנ'ס כבוד**

---

3) זאגן, פשוט זאגן גוטע געדאנקען אויפן גראם, ווען ער רופט אויף א זיידע צו א מחותן נאכזאגן עפעס א מעשה א משל א תורה לענין, דאס מיינט אין אנדערע ווערטער זיין א רעדנער, נאר זאגן זיין רעדע אויפן גראם.

4) זאגן א ווערטל, א בדחן וואס זאגט נאר ערנסט האט מען נישט אזוי ליב.

5) שכל, יא שכל, מ'דארף האבן דעם קאפ אויפן פלאץ, וויסן ווי איין אין ווי אויס, א דוגמא, א חתונה וואס די עלטערן זענען ג'גט ל"ע, דארף דער בדחן האבן אסאך שכל וויאזוי מ'לויפט צווישן די טראפן נישט ווי צו טון קיין שום צד, און דאס איז אויך אין כלל גאר אסאך פראבלעמאטישע פעלער, און סתם אזוי וויסן ווי ער שטייט איין, צו וועלכע חסידות מ'געהערט וואס מ'מעגט דארט נאכזאגן און וואס נישט ואכמ"ל.

6) חן, פשוט חן, ס'איז דא זייער אסאך מענטש וואס טויגן גאנץ גוט צו דער מלאכה, נאר פשוט זיי האבן נישט קיין חן, און דאס הרג'עט זיי אוועק.

בנוסף צו דעם וואס עס דארף געטון ווערן אפאר זאכן אויפאמאל, דהיינו אז בשעת ווען דער בדחן טוט זיין מלאכה, זינגט ער, גראמט ער, זאגט ער, און האלט קאפ אויפן ציבור'ס עטענשאן, דאס איז טייטש ער טראכט א גראם, ער טראכט וואס צו זאגן אויפן גראם, ער טראכט דער ניגון זאל שטומען מיטן גראם, און ווי אויך א פרעשור אז ס'זאל געפעלן פארן ציבור צו פארן באטרעפענדן מענטש וואס ווערט אויסגערופן, בקיצור 4 מוחות, אויב אזוי איז דען א וווינדער אז ס'קומען נישט צו קיין נייע בדחנים, ווייל ווען איינער וויל סתם זינגען, נעמט ער א מייק מיט א דילעי און זינגט, ער זינגט אפ יעדע נאכט די זעלבע ניגונים און גייט אהיים (און דערצו אויך פארן בענטשן) א שפילער איז שוין עטוואס מער, ער שלעפט שוין כלים ער בלייבט ביז שפעט ביינאכט ועוד, אבער דאך זינגט ער די זעלבע ניגונים כמעט יעדע נאכט, ער מוז נישט אויפקומען מיט נייע גראמען אויף זיידע – ביידע, מאמע – מסתמא.

יעצט לאמיר שוין טרעפן אזא איינער וואס איז פון קאמבאנירט פון 4 מוחות ער גראמט, זאגט, זינגט, בא'חנט, געשמאקע ווערטל זאגער, אז ער טויג שוין יא לאמיר אים אנרופן צו א חתונה, ר"ח אדר זאל קומען גראמען, (דאס אופן פון רופן וויאזוי דער פאן קאל גייט צו עי' במערכת זינגער האט אויך א סדר היום)

ווער מאכט חתונה ר"ח אדר, וואס הייסט ווער?, ווייסט נישט? משה ברוך גרינבערג מיט זלמן פעפערקארן, יא?, כ'האב גארנישט געוויסט, ווער איז דער משה ברוך גרינבערג, דארף מען גיין זאמלען אינפארמאציע, ער קאלט אן דעם משה ברוך'ן און זאגט אים אזוי בערך,

בדחן: העלא! יא, דא רעדט נפתלי גרינבום דער בדחן,

מחותן: דער וואס?....,

ב: דער בדחן דער גראמער,

מ: אה, דער גראמער, וואס ווילט איר?

ב: איך גיי דאך גראמען ביי אייער זון'ס חתונה,

מ: יא?, כ'האב גארנישט געוויסט,

ב: איך וואלט געוואלט האבן אביסל אינפארמאציע וועגן דער משפחה,

מ: אינפארמאציע?, וועגן אונזער משפחה?, דו קענסט נישט אונזער משפחה? וואו וואוינסטו?

ב: אין בארא פארק

מ: אה אין בארא פארק האמיר געהאט א קרוב ר' זעליג גרינבערג, האסט אים געקענט?,

ב: ניין

מ: אאאה א שאד, א שאד האסט אים נישט געקענט, א טייערע איד געווען, פלעגט צו דאוונען אין סארוואש, אאאא טייערע איד געווען,

ב: איך הער, אבער איך דארף אינפארמאציע אויף "אייער" משפחה?

מ: אויף מיין משפחה, אויף וועמען?,

ב: אייער טאטע, אייער מאמע, אייער שווער, אייער שוויגער,

מ: גוט איז אזוי, אויף מיין שווער און שוויגער קענסטו רופן מיין שוואגער מיכל, ער טויג צו דעם דא האסטו זיין נומ.,. אויף מיין טאטע קענסטו פרעגן מיין ברודער בערל ער קען זיך אויס מיט דעי זאכן, און אויף מיר זאג נישט גארנישט איך דארף נישט די אלע זאכן, יא, חוץ מיין ווייב, יא איר זאלסטו זאגן הערסטו, וויפיל ס'גייט, איך מיין קניינע הרע, וואס זי טוט נישט פאר דעי קינדער, (דער שלום בית איז דא מורא'דיג) ווייסט וואס נאך? רוף מיין זון מוישי, ער וועט דיר אויך קענען געבן אינפארמאציע,

ב: גוט איך גיי רופן,

יא, זאלסט אבער מאכן א גוטן דשאב

סך הכל רופט ער א מחותן און דער מחותן האלט אים אויף און ווייס נישט וואס ער וויל, און באקומט פון אים דריי גאר אנדערע נעמען וועמען צו רופן, און ביז ווילאנג ער קומט אן צו די דריי מענטשן געוואר צו ווערן אביסל אינפארמאצע זעט ער די גרינע גאל, וואס יא, ער ווערט געוואר פונעם זון מוישי אז דער מחותן איז גארנישט אזא שונא פאר כבוד, ס'שמעקט אים גאנץ פיין ווען מ'באזינגט אים אז ער איז עפעס א שטיקל חפצא.

דאס איז נאר איין גאטונג מחותן וואס ס'אינטערעסירט אים נישט צופיל אבער אביסל יא, ווידער איז דא א מחותן וואס וויל און פארלאנגט ממש מיט תביעות, פונקטליך וואס מ'זאל זאגן אויף יעדן וועלכע שבחים, וואס טאר נישט פארמינערט ווערן בשום אופן, און פארשטייט זיך אז אויף זיך אליין יש הרבה שלוחים למקום ער שיקט שוין אונטער מענטשן זאלן אויפקלערן דעם בדחן ער זאל וויסן מיט וועמען מ'האט דא צוטון, דא רעדט מען פון א מחותן וואס זאגט אויס גאנץ תהלים יעדע חודש, נישט חלילה ער דארף כבוד ער וויל פשוט די קינדער זאלן הערן ווייל דאס איז חינוך...., און זיין משפחה כאטש וואס דער בדחן קען די גאנצע משפחה וואס זענען אויסגערופענע ליידיגייער'ס מיט פוסטע

מוחות, מוז ער געצווינגענעהייט זאגן אז דער איז א גאון און דער איז א ידען און דער גאר א ירא שמים מרבים, ער האט אפי' נישט מיט וועמען צו לאכן אינדער זייט בשעת'ן זאגן די פעטע ליגנט'ס.....

ענדליך ער האט שוין אלעס די גאנצע אינפארמאציע וועמען צו באזינגען און וועמען צו באטיטלען, הייבט זיך אן א מערכה פון דער ווייבער שול, ס'האט זיך עפעס אזוי אויסגעשטעלט אז די ווייבער האבן עפעס א שטארקע מיינונג ווען ס'קומט צום גראמען, זיי לייגן א שטארקן דגוש אז ווען מ'רופט אויס דעם אין יענעם, זאל דאס זיין כפי רצונם מיט ברייטע טיטלען, ווייל וואס דער בדחן זאגט איז תורת משה.

[פארקירצט]

דומה לזה האב איך געזען אמאל פורים, א גראמער האט זיך אביסל אנגעטרינקען און געווען ביי איינעם אין שטוב, געגראמט וואס ס'לאזט זיך אויפן מויל, ובתוך הדברים געוואונטשן פארן בעה"ב אויפן גראם ברכה והצלחה - פאר דער גאנצער משפחה, ער וויל שוין אראפ פון בענקל קומט צו לויפן די מאמע, יו יו זאג נאך אביסל, וואונטש אויך אן פאר מיין יולי ער זאל א חתן ווערן, גוט, פארוואשע נישט, דער בדחן וואונטשט בדברים כהויתן - אי"ה נעקסטע יאר ווערט יואלי א חתן, די גאנצע משפחה קלאטשט יולי ווערט רויט, ס'איז א מחי'...., איין מינוט, דער בדחן איז א רבי?, צו וואס האט מען אים מזכיר געווען יואלי זאל א חתן ווערן?, נאר וואס, דער עולם האט אזא שוואכקייט אז ווען מ'פארציילט עפעס אויפן גראם איז דאס כאילו הלכה למשה מסיני, ובעיקר איז דאס אנגענומען אין דער ווייבער שול.

[פארקירצט]

וואס טוט זיך אבער ווען איין מחותן וויל אזוי, און אייין מחותן וויל אזי, דא ווערט דער בדחן א באלי אינדערמיט, איין מחותן זאגט שנעלער, איין מחותן זאגט שטאטער, ער ווערט ממש צעריסן, ער רופט אויס דעם מחותן וואס וויל א לענג און א ברייט'ס א האלבע שטונדע, און דער אנדערע מחותן ברענט ווי א פאקל ווער איז נייגעריג צי דער שטיצט דער תורה סחורה ישיבה, ענדיג שוין און לאז דעם עולם פריי, לעומת זה אפי' דער מחותן וואס יאגט זיך, האט דאך אבער א חלק שני, ס'ווייב וויל יא מ'זאל זינגען און מאכן א בראטל פון זיי, יעצט גיי מיש דיך אריין אין יענעמ'ס שלום בית, וואס טוט מען דא?, אלא מאי מוז מען צוריק קומען צו פריער אז איינער פון די זאכן וואס א בדחן דארף האבן איז.... שכל, וויסן ווי איין און ווי אויס.

[פארקירצט]

דער בדחן דארף וויסן אז היינט נאכט איז דער קלימאקס, כאטש וואס ער זעט חתן כלה ומחותנים יעדע נאכט, אין קען אפי' זיין דריי נעכט אין א צו אין דעם זעלבן זאל מיט אנדערע מענטשן, איז אבער היינט נאכט דער קלימאקס וואס חתן כלה האבן איינמאל אין זייער לעבן חתונה, דער ארום זאל נישט שפירן אז דער בדחן איז קאמערשעל, נאר זיך פערסענעליזירן צו דער היינטיגער שמחה כאילו לפניו לא הי' ואחריו לא יהי', אפי' דער בדחן ווייסט אז זיין משל מיטן וואלד איז סתם אויסגעזויגן פון פינגער ס'איז נישטא קיין וואלד מיט קיין נמשל אלעס איז דמיונות, אבער אויב איז דא נאר איין באבע וואס הערט אים צו, איז דא א וואלד און ס'איז דא א קעניג אלעס איז וואר...

נאכדעם קומט דער עצם אויפטרעטן, שוין נאכדעם וואס דער בדחן מוז זאמלען אינפארמאציע, און מוז זיך אביסל צוגרייטן וואס און ווען צו זאגן, מוז זיין אויסגעשלאפן און אויסגערוט, מוז זיין פריש, ער קומט אריין צו דער חתונה דער מחותן זאגט אים מיט א באפעל אז דאס ערשטע רופט מען אויס דער ראש ישיבה פונעם חתן, הרב גאלדבארג שליט"א, זאג נישט צו לאנג נאר ממש אפאר ווערטער ווייל דער ר"י יאגט זיך ער דארף נאך אהיים פארן, נו אז דער מחותן הייסט פאלגט מען, מ'הייבט אן מיט א חביבה - באגריסן דעם ראש ישיבה,....., נאך איינינגע ווערטער מיט פרייד, דער ראש ישיבה ער גייט ער גייט, דא קומט צורייסן דעם חתן'ס ברודער (ווייזט אויס ער לערנט יעצט ביי דעם ר"י), און שמייסט אריין א פסק אזוי רופט מעם אויס דעם ר"י?, דו ווייסט אז דער ר"י לייגט זיך נישט אין קיין בעט, דו ווייסט אז דער ר"י איז ממש א בעל רוח הקודש, אזוי כאפט מען אפ, ביזט נארמאל? ווי איז כבוד התורה...., קינד מיינס דיין טאטע האט דאך אזוי געהייסן, וואס שרייסטו?,

ווער איז נעקסט, אה דא איז דא א פעטער היינט געקומען פון בראזיל, ערב זעליג ראזמאן רוף אים אויס שיין הערסט, נו געגאנגען, איין מינוט מחותן, וואס הייסט שיין?, זאל ער זאגן אז יענער איז א בעל צדקה?, אפשר נעמט ער גאר פון די שבת פעקער, זאל ער זאגן ער איז א ת"ח אפשר ווייס ער נישט וויאזוי מ'עפנט אויף א ברכות גמ', וואסי דאס שיין?...., שיין און פיין, דארף דער בדחן אליין פארשטיין.

[פארקירצט]

איצט לאמיר זיך נעמען צו די בדחנים אליין, עס איז קיין שום קונץ נישט צו נעמען א פאר'צרה'טע איד אין אים מאכן וויינען, וואס איז די חכמה?, קומט זיך אן א בדחן צו א מחותן וואס האט פארלוירן ל"ע א זון משה'לע אין א קאר עקסידענט מיט 8 יאר צוריק, און הייבט אן צו זינגען משה'לע מיין קינד, איך זע דיך נישט אצינד, א טרער פון מיינע אויגן ס'רינט...., און דער גאנצער עולם וויינט..., מארגן קומט מען אין ביהמ"ד הערט מען שמיסן דער בדחן נעכטן האט אראפ געריסן די ווענט דער גאנצער עולם האט געקייכט פאר געוויין..., מ'הערט איבער די טעיפ'ס מ'קאפיט די סי די'ס

איינער פארן צווייטן צו הערן דעם מורא'דיגן דשאב ווי יעדער וויינט, וואס איז די חכמה?....
אדרבה זאג אפאר חיזוק ווערטער, זיי מחי' זייערע הערצער נישט צוברעך די שוין צעבראכענע הערצער....

וואו שטייט אז מ'מוז צעברעכן יתומים, אפשר איז דאס אן עבירה, ער איז סיי ווי צעבראכן אז זיין טאטע / מאמע פעלט ביי זיין שמחה, דארף ער דען אז דער בדחן זאל אים דערמאנען אז ער איז א יתום?, דער בדחן זאל שרייען "טאטע אוי טאטע וואו ביסטו מיין טאטע", וואס איז די חכמה?, אדרבה זאג אים ווי גליקליך זיין טאטע פון ג"ע איז היינט מיט זיין גוטע התנהגות, וואס פארא זכי' דער חתן / כלה האט אז זייערע עלטערן זענען געווען אזעלכע פיינע מענטשן, און דאס ביסל וואס זיי האבן געקענט זאלן זיי גוט געדענקען, גיב זיי חיזוק נישט צוברעך זיי, און וויפיל מאל מאכט זיך אז דער טאטע צי דער מאמע פון דעם נפטר איז דא בין החיים ביי דער חתונה אלץ זיידע צו אלץ באבע, ס'רייסט דאך שטיקער פון זייער הארץ אז זיי האבן פארלוירן א קינד אין בליענדע עלטער, גייט מען סתם אנע רחמנות שרייען טאטע אוי טאטע וואו ביסטו....., מעג מען דאס טון?

[פארקירצט]

וואס יא, זאג זאכן וואס זענען נוגע פאר יעדן און זענען מחייב דעם מחותן, סוף כל סוף לעבט מען אין א וועלט פון הו הא, ס'איז א געיעג מ'שטעלט זיך נישט אפ טראכטן א רגע חובת האדם בעולמו, כמעט די איינציגסטע צייטן אין לעבן וואס מ'טראכט יא, אז ווען דער בדחן רופן אויס א מחותן און זאגט אים קלאר, אהובי ידידי מחותן דער באשעפער האט דיר געגעבן א מתנה א געזונט פיין קינד אנע פראבלעמען, מ'דארף זיך אפשטעלן איין מינוט טראכן על כל החסד וכו', ווייל סוף כל סוף איז נישט יעדער זוכה צו דעם, באגלייט מיט א טרעפליך ווארט אדער מעשה פון צדיקים, דער מחותן הערט דאס בשעת מעשה און ווערט נתעורר צו שבח והודאה, און מ'הערט שפעטער די טעיפס קען ווערן א התעוררות אפי' שפעטער.

## ער הייסט נישט קיין מקונן וואס מאכט טרויעריג און וויינען

מענטשן האבן נישט קלאר ארויס וואס איז די ציל פון דערמאנען זכות אבות, ממילא ווען א בדחן דערמאנט די זיידעס פון דער משפחה מעלמא דקשוט, רופן דאס אסאך צוהערער דאס אן מיטן נאמען "הספידים", אבער ולא נכון הוא, דערמאנען זיידעס אויף א נארמאלע אופן ובתוכם אייניגע שטריכן פון זייער ערליך לעבן איז זייער א גלייכע זאך, ס'איז א שיינע זאך בשעת ווען די משפחה זיצט צוזאמען צו הערן ווער זענען די זיידעס געווען און זייערע מעשים טובים, ס'מאכט זייער אסאך אויס אין דער המשכת הדורות, כמו כן האב איך געהערט פון רי"א מאסקאוויטש משאץ מאנסי שליט"א, אז א גרויסע גאון ות"ח מעדת ליטא האט אים געזאגט אז די שענסטע חלק פון א חסידישע שמחה וואס ס'האט אים געפאלן איז די מצוה טאנץ ווען די קינדער און אייניקלעך הערן ווי מ'זאגט שבחים אויפן זיידן דאס גיבט א שטארקע געפיל און הערצה צום פריעדיגן דור, פארשטייט זיך אויף א נארמאלע וועג נישט סתם הוילע בארימעריי.

און דער עיקר העיקרים אז דער בדחן זאל נישט פארגעסן זיין נאמען, ער הייסט א "בדחן" דאס איז מלשון ובדחו רבנן א לשון פון מאכן פריליך, ער הייסט נישט קיין מקונן וואס מאכט טרויעריג און וויינען, דער פראבלעם הייבט זיך נישט אן ביי בדחנים אז זיי פארגעסן דעם ציל און ווערן פארוואנדלט פון בדחנים צו מקוננים, נאר דאס הייבט זיך אן ביי די בעלי בתים, זיי רופן א בדחן זאל זאגן טרויעריגע זאכן און זינגען ביטערע איכה ניגונים און גיבן ארויס אן ארדער אז מ'זאל נישט זיין לעבעדיג נאר ערנסט, וואשע זאל דער בדחן טון ער מוז דאך אהיים ברענגען פרנסה, און דאס איז דער פארלאנג פון די קאסטומער'ס,

ולסיומא דמילתא, שוין נאכן שרייבן עטליכע סדר היום'ס ובתוכם א קליינע רב און רבי'לע, פרעגט זיך די קושיא וואס איז דער חילוק פון א בדחן אין א קליינע רב / רבי'לע??

זייער פשוט פון א בדחן לאכט מען אין פנים אריין,
פון א רבי'לע לאכט מען פון הונטערוויילעכץ....

א שמועס פון דער וואך

# חרדי'שע הומאר: וואס פארשטייט א גוי?

אדר 2024: „אפטימיסטיש“ רעכנט אויס די מנהגים וואס מאכן אונז לאכן – פון סעלצער שמחת תורה ביז שבת קאפעלוטש. די ליינער טענה'ן צי אונזער הומאר איז טאקע אזוי אנדערש, און פארוואס.

פון **אפטימיסטיש, הכנה דרבה, berlbalaguleh און אנדערע**

קאווע שטיבל • א שמייכל • „חרדי'שע הומאר - וואס פארשטייט א גוי“ • 3טן–25סטן אפריל 2024
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16971.html

**אפטימיסטיש** • 3טן אפריל 2024

מ'פארציילט אז מ'האט אמאל אינטערוויואירט דעם אלטן גוי וואס ארבעט שוין פאר צענדליגע יארן אינעם סאטמאר'ן בית המדרש אויף ראדני סט. און האט ווארשיינליך מיטגעלעבט מער עפיזאדן - אין סאטמאר'ס היסטאריע - ווי שלמה יעקב געלבמאן ע"ה...

אלזא האט אים דער מאדערעיטאר געפרעגט: זאג נאר, וואס איז די אינטערעסאנטסטע מנהג וואס דו האסט בייגעוואוינט דורכאויס דיין קאריערע אין ראדני?

האט דער גוי זיך אנגערופן: טראץ וואס ס'פארהאן פילע קאמישע מנהגים און טשיקאווע געוואוינהייטן וואס זענען איינגעגעסן אינעם סאטמארן קולטור, דאך האב איך אלעס פארשטאנען מער ווייניגער, איין פירונג וואס עד היום קען איך נישט משיג זיין וואס איר באדייט איז, נעמליך דאס אז די אידן האבן עפעס א מאדנע תאוה צו טרינקען ווארעם'ס אין בית הכסא ביי הכנות יעדן צופרי... כ'מיין פארוואס פעלט דיר וויכטיג אויס צו זיפן פונעם HOT CUP דוקא אין בית הכסא... (די היינטיגע אינגווארג פארשטייט שוין אפילו נישט וואס דא איז פאני... גייטס אין ראדני ווען עטס אלסדינג פארשטיין)...

גיי פארצייל דעם גוי אז מאטי אילאוויטש האט געווידמעט גאנצע 2 לידער וועלכע רעכנט אויס "אידישע תאוות"

אינטערעסאנט אז ער האט פארזען אט די דאזיגע תאוה...

כלפי מה דברים אמורים: אונז חרדים האמיר אנטוויקלט אן אייגנארטיגע קולטור, וואס - צווישן אנדערע - פארמאגן מיר אייגנארטיגע סארטן תאוות (ווי אויבנדערמאנט), און אזוי אויך פארמאגן מיר אייגנארטיגע גוזעצן פון הומאר, און מיר חרדים וועלן זיך קייקלען פאר געלעכטער פון אזעלכע וויצן וואס דער אלגעמיינער גוי באגרייפט ניטאמאל וואס דא איז קאמיש. און איבער אט דעם פענאמענאן וועלן מיר ווידמען דעם היינטיגן ארטיקל.

איידער איך לאז מיך אריין דערין וויל איך קלארשטעלן אז די ציל פון דעם ארטיקל איז נישט חוזק צו מאכן פונעם חרדישן קולטור, נאר עס טוט ליבערשט דינען אלס א דאקומענטרי פון א פארש שטאנדפונקט, א שטייגער ווי NATIONAL GEOGRAPHIC טוט אנאליזירן פארשידענע קולטורן פון פארווארפענע שבטים, אויף דעם זעלבן אופן וויל איך אביסל שטודירן די טעמע פון חרד'ישע הומאר, און דער ציבור איז געבעטן צו ערגענצן דעם ארטיקל מיט'ן קאמענטירן אויף די פילע זאכן וואס דער ארטיקל האט מאמענטאל פארזען, עס איז צום האפן אז דער עולם וועט הנאה האבן און א שמייכל טאן (ס'נאך חודש אדר).

ווזה החלי:

א מערהייט פון די הומאריסטישע מנהגים ווערן נאטורליך פראקטיצירט ביי חתונות אדער ימים טובים, ווען מיר זענען באפוילן געווארן צו זיין פרייליך אדער פרייליך מאכן אנדערע, ווארום א גאנץ יאר זענען מיר דאך באויפטראגט געווארן צו זיין צהלתו בלבו ואבלתו בפניו... און פראבירן זאל איינער צו גיין מיט א דאשיק א טאג פאר פורים... און הגם נישט אלע פון די מנהגים וואס מיר וועלן דעמאנען זענען איינגעפירט געווארן מיט א הומאריסטישע כוונה, דאך האט זיך עס אזוי אנטוויקלט אז דער עולם האלט עס פאר א קנאקעדיגע וויץ, און מ'ווערט ווירקליך פרייליך דורכ'ן עס טון.

אלזא לאמיר אנהייבן מיט'ן פרייליכ'ן טאג "שמחת תורה" - שישו ושמחו בשמחת התורה, וויאזוי קען מען זיין פרייליך שמחת תורה, איז מען אויפגעקומען מיט א געניאלע המצאה:

1) שמחת תורה ביי מוסף וועט מען אויספייניגן דעם בעל תפילה, מ'וועט שפריצן סעלצער און ווארפן האנטוכער, און וואס מיינסטו? ס'האט פיין געארבעט! קוק נאר וויאזוי דער עולם קאטשקעט זיך פאר געלעכטער בשעת דער בעל תפילה באקומט א קיתון של שופכין, דאס איז עפעס

אויסטערליש פאני, לשנה אחרת קבעום בפנקס קהילת סלאנים

[גראדע איז דא מאנכע וואס טענה'ן אז דער מקור פון דעם מנהג נעמט זיך פון אן אנדערן מנהג אז שמחת תורה פלעגט מען גיסן וואסער ארום דעם בעל תפילה כדי אים מעורר צו זיין צו דאווענען פאר רעגן (בחג נידונין על המים), און איינמאל איז דער חזן געווארן אביסל באשפריצט פונעם גרויס התלהבות פון די שפריצערס (ווילנדיג צו אומווילנדיג...), נו וואס טוט מען אז דער חזן איז נאס געווארן? מ'ווארפט אים צו א האנטוך צוויי דריי..., און פון דארט איז נשתרבב געווארן דער מנהג צו שפריצן וואסער און ווארפן האנטוכער אויפן חזן...]

2) שמחת תורה ביי שחרית זאגט מען המלך בנוסח ימים נוראים און האל בתעצומות בנוסח יו"ט...

3) ווארפן האנטוכער אויפן משמש אום יו"ט חנוכה בשעת ער צינדט אן די מנורה אין ביהמ"ד, איז א ספעקטאקל וואס איר ווילט נישט פארפאסן, וכל המרבה הרי זה יותר פאני...

4) חודש אדר ווערט דער עולם פרייליך תיכף ווען מ'זעט אז די "משנכנס סיין" הענגט אויף דער וואנט...

5) א גאנץ אדר ווערט דער עולם ממש בגילופין ווי נאר עס הייבן אן ארויסצושפראצן די אלע קיוט אדווערטייזמענטס און קלאסיפיידס וועלכע פארמאגן טייפאגראפישע גרייזן א שטייגער ווי "סימכעס פורעמ" און דאס גלייכן... יוי איז דאס פאני..

[פארקירצט]

6) מ'קומט דעם ערשטן טאג פסח אינדערפרי אין שול, און מ'פרעגט יעדן וועם מ'באגעגנט: נו! דער יחץ איז געלונגען?....

7) א שבת פאר פורים זינגט מען א באזונדערע ניגון אויף יעדע שטיקל לכה דודי... דער עולם איז ממש היי...

8) די גאנצע פורים רב איידיע (ווי כאילו ס'איז מער פאני פונעם גאנץ יעריגן רב)

[פארקירצט]

9) פרעגן פון די חתן כלה: נו! וויאזוי איז שלום בית?...

[פארקירצט]

**שפילער** • 3טן אפריל 2024

זייער שיין א דאנק פארן ארטיקל אבער איך מיין ביסט נישט איננגאנצן גערעכט די פאונט איז אז זיך פירן ענדערש ווי די געוואוינהייט ברענגט ארויף א גאלעכטער פאר מענטשן דאס איז א מציאות אפילו ביי גוים.

האסט שוין געהערט פון מיסטער בין? וואס פונקטליך טוט ער און מיליונער גוים רייסן פאר געלעכטער ...?

ער פירט זיך פשוט אויף פאני און אינטערסאנט.

**אפטימיסטיש** • 3טן אפריל 2024

כ'האב הנאה אז דו האסט אויפגעברענגט מר.בין (בשמחה), ווייל כ'האב עד היום נישט די מינדעסטע אנונג וואס ס'איז אזוי פאני, ס'בערך אזוי ווי קול מבשר פורים אפטיילונג....

אבער דאס טאקע ברענגט ארויס די קאנטראסט צווישן די פארשידענע קולטור'ן, אז טראץ וואס עפעס איז פאני פאר'ן גוי (למשל birthday cake אריינגעסמעשט אין פנים אריין) איז עס נישט פאני פאר'ן איד, וכן להיפך.

און דאס איז אייגנטליך די מטרה פונעם ארטיקל (ווי שוין ערוועינט גלייך אנהייב): ארויסברענגען פארשידענע אידישע דזשאוקס, וואס דו קענסט עס בשום אופן נישט מסביר'ן פארן גוי: ליין דעם קעפל פונעם אשכול: "חרד'ישע הומאר - וואס פארשטייט א גוי"

**הכנה דרבה** • 4טן אפריל 2024

חרדים האבן א געפערליכע אישו מיט הומאר, די גרינגסטע וועג צו מאכן מענטשן לאכן איז דורך רעפערענץ צו אזויגערופענע שמוץ והמסתעף (מין, דראגס, וכו'), גאר ווייניג סטאנדאפיסטן קענען מאכן לאכן אן זיך באנוצן מיט שמוץ, איך ווייס נישט צו אין דער גאנצער ענגליש־רעדנדער וועלט זענען דא 10 חברה מיט דעם כשרון. ביי חרדים איז דאס פארשטייט זיך אַוף לימיטס, וואס בלייבט יא איז קינדערישע נארישקייטן.

**ים רויבער** • 4טן אפריל 2024

עס ווערט אנגערופן "סאציאלע נארמען".

פאר דער זעלבער סיבה וועט די רוסישע גוי נישט לאכן פון די זעלבע וויצן ווי די אמעריקאנע גוי.

אונטער יעדע וויץ איז דא א גאנצע אונטערלאגע אין יעדע סאסייטי פון לאקאלע מנהגים, פאליטיקס, סלענגס, היסטאריע, וכו'.

**הכנה דרבה** • 4טן אפריל 2024

אדער ווען מ'לויפט אריין אין שול אזוי ביי איין און זיבעציג און אהאלב מינוט נאך דער שקיעה און מ'מורמעלט אפ א מינכע שמונעשרע אזוי האלב הויך האלב שטיל געגוג אז יעדער זאל נערווירט ווערן

**berlbalaguleh** • 10טן אפריל 2024

לייסנס אדער נישט: ווער ס'קען עס דעליווערן נאטירליך. כאילו ער האט זיך יעצט דערמאנט דער איז מצליח. און ווער נישט. ער קעקעצט אדער האלט אין איין אריינקוקן אין א צעטל דער פלאפט בגדול.

א סאך בדחנים האלטן א קליין צעטעלע אין זייער הענט. וואס מ'באמערקט נישט. פון צייט צו צייט כאפט ער א בליק אריין אין זיין צעטל קטן. סוכ"ס קען ער נישט געדענקען אלע פרטים און שטותים פון דער משפחה וואס ער האט נאר ערשט דערקענט.

**berlbalaguleh** • 13טן אפריל 2024

לענ"ד זענען די אלע מנהגים געמאכט אלס סגולה קעגן עין הרע.אין אמת'ן וואלט מען באווארפן דעם חתן מיט שטיינדלעך. נאר מ'האט עס ממתיק געווען צו באווארפן מיט זיסקייטן (קענדיס).

ס'איז געווען אן אלטער באבישער מנהג צו ציען די אויערן פון א "בוירטהדעי בוי".

**אפטימיסטיש** • 13טן אפריל 2024

און וויאזוי קען מען באשרייבן חרד'ישע הומאר אן דערמאנענ דעם וויץ פונעם יאר הונדערט וואס רופט זיך "שבת קאפעלוטש" נעמליך א שבת פאר מ'באווארפט דעם חתן (זע פאריגע תגובה), איז א מצות עשה דחרדיתא צו צעקראכן דעם חתן בחור'ס קאפעלוטש עד חרמה!, והמדקדקים זענען מחמיר עס צו טון בשעת דער הוט געפינט זיך אויפ'ן חתן'ס קאפ... כדי לשבר את האוזן...

**אפטימיסטיש** • 13טן אפריל 2024

נאכמער ר' בערל! כ'מיין רוב עולם וואלט ענדערש מסכים געווען צו באקומען אן עין הרע ווי איידער דארפן דורכגיין די שבעה מדורי סגולות קעגן עין הרע...

- רויט בענדל
- אפשפרעכן
- ווערן באווארפן מיט האנטוכער/שטיינער/פעקלעך
- דער הוט (און קאפ) צעקראכט
- געצויגענע אויער'ן
- אנגעשפיגן ביי אלע באבעס

ועוד ועוד.. זאג דו מיר ביי וועלכע פונקט ווערט עס יצא שכרו בהפסדו?

**זויער טייג** • 13טן אפריל 2024

„שבת קאפעלוטש“

האב איך אמאל געהערט א שיינעם טעם, פארוואס האט מען מתקן געווען שבת קאפעלוטש? כדי צו ווייזן אז פון גארנישט קען מען אויך עפעס מאכן..

**אפטימיסטיש** • 25סטן אפריל 2024

א גוטן מועד.

היינט ביים ליינען האב איך אבזערווירט דאס התלהבות מיט וועלכע מאנכע שרייען אריין "כָּאֵלֶּה" און דאס האט מיך געברענגט צו דער אנערקענונג אז ס'גאנץ מעגליך אז דאס אריינשרייען די פסוקים איש יהודי/ליהודים/ומרדכי יצא וכו' ביים ליינען 'מגילת אסתר' האט זיך בפשטות אויכעט אנגעהויבן אויפ'ן זעלבן אופן. נעמליך עטליכע הייסבלוטיגע לצים מיט א חוש פון 'חרד'ישע הומאר' האבן באשלאסן אז אריינשרייען צווישנרופן ביי מגילה ליינען וועט אויפהייבן דעם ניוואו פון שמחת פורים מיט עטליכע שטאפלען, און אזוי האט עס צוביסלעך EVOLVED צו ווערן דאקומענטירט אלס אן אפיציעלע מנהג.

לויט דער דאזיגער טעאריע איז צום ערווארטן אז גאר בקרוב וועט דער 'כָּאֵלֶּה' מנהג אנהייבן ערשיינען אין די קומענדיגע משנה ברורה'דיגע/אוצר הלכות'דיגע ספרים. און כמדומה לי אז דער נטעי גבריאל ברענגט דאס שוין נאך...

**וויסנשאפט**

# די פלאכע־ערד געמיינדע

2012: אינמיטן א שמועס ווי אזוי מען איז געקומען צו וויסן אז די ערד איז רונד, שטעלט „יאיר“ פאר די מענטשן וואס גלייבן נאך היינט אז זי איז פלאך – מיט זייער גאנצער „וויסנשאפט“.

פון **יאיר, יידל און אנדערע**

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „עקסטרעמע קאנספיראציע גלויביגע - די פלאכע ערד געמיינדע“ • 16טן–17טן נאוועמבער 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2368.html

**יאיר** • 16טן נאוועמבער 2012

נאכ'ן ליינען יידל'ס העכסט מערקווירדיגע אשכול איבער וויאזוי מען איז געקומען צו דער מיינונג אז די וועלט איז רינדיג און נישט פלאך, איז מיר געקומען אויפ'ן געדאנק צו שרייבן וועגן דער פלאכע ערד געמיינדע.

עס איז שווער צו גלייבן, אבער פאקטיש זענען היינט נאך דא מענטשן וואס גלייבן אין דער פלאכע ערד טעאריע. ניין, מיר רעדן נישט פון מענטשן פארשטיפט אין אן אפריקאנער דזשאנגל, אדער אין די אפגעזונדערטע נארט קארעא. דאס זענען מענטשן וועלכע וואוינען אין פארגעשריטענע לענדער ווי אמעריקע און בריטאניע און פארמאגן אפילו אינטערנעט. זיי האבן אן אייגענע וועבזייטל וואו זיי האבן אפילו אפענע פארומס וואו מען קען דעבאטירן די צדדים לכאן ולכאן.

איך וועל פרובירן אין קורצן איבערגעבן זייערע סייענטיפישע שיטות, אבער כאפט אייך גוט אן אויפ'ן בענקל איר זאלט נישט אראפפאלן פון געלעכטער.

די ערד איז א פלאכע רינדעכיגע דיסק און אין צענטער געפינט זיך דאס וואס אלע איינגערעדטע מענטשן רופן די נארט פאול. ארום דעם דיסק איז דא א הויכער הונדערט-און-פופציג פוסיגער צוים פון אייז, וואס די קאנספיראטאר וואס גלייבן אין דער אפגעפרעגטער גלאוב שיטה רופן אן אנטארטיקטא. דארט שטייען שומרים וועלכע היטן קיינער זאל זיך נישט דערנענטערן צום אייזיגן צוים און אויסגעפינען דעם שרעקליכן סוד. די שומרים זענען געדינגען דורך א כאפטע רוביערס וואס רופן זיך נאסא, וועלכע רייסן ביליאנען פון די שטייער צאלער פאר זייערע מ'כלומר'שטע סייענטיפישע אויפטוען, בשעת זייערע אזוי גערופענע אסטראנאטן ליגן אויסגעצויגן אויפ'ן בארטן אין פלארידע און מען רעדט איין פאר גאנץ אמעריקע אז זיי געפינען זיך יעצט אויף א סייענטיפישע שטודיע ערגעץ אינ'ם ווייטן ספעיס.

פארשטייט זיך אז די פארעם פון דער וועלט איז נישט די איינציגסטע פאנטאזיע וואס די האלץ האקער וואס רופן זיך מיט דעם פענסי נאמען 'סייענטיסטן' האבן אויסגעטראכט כדי צו אונטערשטוצן זייער פאלשער יסוד פון דעם פארעם פון דער וועלט. זיי האבן אויסגענארט דעם עולם מיט א טעאריע וואס רופט זיך 'גראוויטעט'. באמת ציט גארנישט אראפ, פארקערט, די ערד פארט כסדר ארויף אין א שנעלקייט פון פונקטליך צוויי און דרייסיג פיס פער סעקונדע דורך א מיסטעריעזע כח וואס רופט זיך 'טונקעלע ענערגיע', אזוי אז עס דאכט אונז אז אלעס ציט אויף אראפ. לעת עתה איז דא א מחלוקת צווישן די גרעסטע דענקער אין דער פלאכע ערד געמיינדע אויב איינשטיין'ס טעאריע פון רעלאטיוויטעט קען שטימען מיט א פלאכע ערד וואס פליט אזוי שנעל אבער עס גייט נישט שנעלער ווי די ספיעד און לייט, אדער דאס איז אויך א פאנטאזיע. דער אלגעמיינער פלאכע ערד גלויביגע נעמט נישט קיין שטעלונג אין דעם נושא, ווייל וואס זענען מיר מענטשעלעך צו פארשטיין איבער וואס די טיפזיניגע מחלוקת האנדלט זיך בכלל?

די לבנה און די זון זענען גרויסע ליכט באלן וואס פראדוצירן ליכט און געפינען זיך דריי טויזנט מייל העכער די ערד, און זיי מאכן כסדר הקפות ארום דער וועלט און טיילן איין פאר יעדן איינעם געוויסע שעות פון ליכטיגקייט. עס איז אויך דא אן אומזעבארע אנטי-לבנה, און ווען דאס שטעלט זיך אין פארנט פון דער לבנה פארשטעלט עס דאס ליכטיגקייט און עס ווערט געשאפן א ליקוי לבנה.

עס איז נאכנישט קלאר וואס ליגט אונטער דער פלאכער ערד, אבער רוב נעמען אן אז דארט געפינט זיך פשוט'ע שטיינער. (אקעי, בעסער ווי א טשוכעפאכע).

עס איז איבריג צו דערמאנען בכלל די געפערליכע שווינדלערייען וואס ליגן אונטער די פאלשע בילדער פון ספעיס, און בכלל ווערן זיי גענומען דורך די נאסא שווינדלער וועלכע זענען נישט באגלייבט אויף קיין כי הוא

זה. די פלאכע ערד געמיינדע גיבן אן א פשוט'ע, מאטעמאטישע ראי' אויף דער ווארהאפט פון זייערע ווערטער. "לאגיש גערעדט," לויטעט איין שאלה און ענטפער אויף זייער וועבזייטל, "אין דער היינטיגער טעכנאלאגיע איז פיל ביליגער צו פראדוצירן פאלשע בילדער ווי צו אויפהאלטן א גאנצע שטאב מיט אסטראנאמער, אויב אזוי, פארוואס זאל נאסא אמת'דיג טון זייער ארבעט בשעת זיי קענען פאר פיל ביליגער מאכן ריוח אויף די רעגירונג'ס חשבון?"

עס הערט זיך ווי א ליצנות אדער ווי א פאראדיע לכבוד פורים, אבער פאקטיש זענען דאס די דרייצן אני מאמין'ס ביי די הונדערטער מיטגלידער פון דער פלאכע ערד געמיינדע. אין זייערע בעסטע צייטן זינט איר גרינדונג אין 1956 האבן זיי געהאט צוויי טויזנט מיטגלידער. נאך מערערע ספעיס לאנדונגען, האט זיך די צאל פארקלענערט. היינט האלט עס ביי צוויי הונדערט מיטגלידער וואס האלטן זיך מיט עקשנות צו זייערע מיינונגען. אין א נייעס אויסגאבע שרייבן זיי:

"אונזער ציל איז צו טראכטן פריי, און צו אויפדעקן לאנג פארגעסענע פאקטן, און צו קעגנשטעלן טעארעטישע השערות. מיר ווילן אויפטוישן די סייענס רעליגיע מיט נארמאלקייט. פון היסטארישע באריכטן ווייסן מיר אז קודם איז באשאפן געווארן דאס וואסער, און אויף דעם די ערד. די ערד איז אמאל געווען פיר עקיג און האט זיך צוטיילט אויף פארשידענע שטיקער. וואס מיר ווייסן קלאר איז אז די ערד איז פשוט פלאך. דאס וואס מיר רופן סייענס איז דאס זעלבע וואס איז אמאל געווען כישוף, אן אויסגעטראכטע, נארישע טעאלאגיע וואס האט נישט קיין שייכות צו די פאקטן."

איך וואלט געקענט נאכשרייבן נאך בערג אזוי גרויס ווי דער אייזיגער צוים פון זייערע שטותים. אבער איך האב מורא אז אויב איך שרייב נאך אביסל וועל איך אליין אנהייבן צו גלייבן. איר קענט באזוכן זייער פלאכע ערד וויקיפידיע וואו זיי האבן זייער אייגענע סייענטיפישע אינפארמאציע, געבויט אויף דער ריינער מסורה וואס זיי האבן מקובל איש מפי קוף פון זייערע אור אלטע האמא סעפיאנס.

חז"ל זאגן אונז "איזהו חכם, הלומד מכל אדם". וואס קענען מיר זיך לערנען פון אזעלכע פאנאטיקער?

די פלאכע ערד חברה לערנען אונז איז ווי ווייט פארפירעריש א מענטש קען זיין. זיי זענען אויס צו זיין נארמאלע מענטשן וואס האבן גענוג שכל ארייצוטראכטן, האבן אן אייגענע מיינונג, און צוזאמענשטעלן א וועבזייטל פון טענות ומענות, און זיי ווייסן אפילו צו זאגן פון איינשטיין'ס טעאריעס. נישט נאר דאס, נאר זיי אקצעפטירן אפילו אזעלכע קאנטראווערסיעלע טעאריעס ווי עוואלוציע און גלאבאלע ווארעמונג, כאטש דאס איז טיילוויז געבויט אויף ראיות פון די נאסא רויבער'ס סאטעליטן. אבער אנשטאט צו נוצן דעם שכל אויף דעם ריכטיגן אופן, נוצן זיי עס פונקט קאפויער צו אויפווייזן אז די גאנצע וועלט איז משוגע בעת זיי זענען נארמאל, אלס צוליב זייער גאוה פון נישט וועלן אנערקענען אז זייער נארישע גלויבן איז נישט ריכטיג. נאכמער, ווי איר זעט, ווייסן זיי פונקטליך אלע פרטים ווי שנעל די וועלט פליט און ווי הויך די לבנה איז, אבער דאס אז די וועלט איז רינדיג, נע! אלעס דמיונות. איך בין זיכער אז זיי חזר'ן כסדר מיט די קינדער אין וואספארא טעות די גאנצע וועלט לעבט, און מסתם פילטערן זיי דעם קאמפיוטער פון אלע פאלשע סייענטיפישע גלויבונגען וואס קענען ר"ל פארדארבן דעם מח און אראפפירן פון גלייכן וועג ביז זיי וועלן אראפפאלן אריבער דעם אייזיגן צוים און זיי וועלן אנקומען דארט וואו אלע נשמות וואס האבן געגלייבט אין דער רינדיגער ערד געפינען זיך.

אויב איר ווייסט פון נאך אזעלכע סארט משונה'דיג עקסטרעמע קאנספיראציע טעאריקער זענט איר געלאדנט אונז צו מודיע זיין דערוועגן. איך קלער צו עפענען א ספעציעלע ארגאניזאציע פאר אזעלכע קאנספיראציע גלויביגע וואס זאלן זיך מחזק זיין איינער דעם צווייטן ווי פאלש די וועלט איז און ווי מען קען גארנישט גלייבן, אריינגערעכנט די קאנספיראציע אז די פלאכע ערד געמיינדע לאכט פון אונז ווי מיר קויפן אפ זייערע שטותים און מיר רעדן זיך איין אז זיי גלייבן עס.

**חאצקל** • 16טן נאוועמבער 2012

איך הייב שון אן צו טראכטן אז אפשר זענען זיי גערעכט, איך וועל מעגליך זיין דער צוויי הונדערט און איינסטע מיטגליד. יעדנפאלס יאיר, א ישר כח פאר דעם העכסט אונטרעסאנטן ארטיקל וואס דו האסט אזוי אונטרעסאנט באשריבן.

**קאווע טרינקער** • 16טן נאוועמבער 2012

יאיר, יייש"כ. זייער אינטערסאנט.
נו, וויאזוי ווייסט מען באמת וואס איז אמת?

התבוננתי בזה - כי עפ"י רוב, אפשר איינצורעדן מענטשן איבער א זאך פון עבר, למשל גלויבינגען וכדומה, אבער מציאות זאכן? - א חידוש. אפשר זאל מען זיי גופא געבן א נסיעה מיט נאסא בחינם?

אז מ'רעדט שוין - לעיקוואד האקט - סאיז דא א גמרא, כמדומה אין מגילה, אז "שלשה מלכו בכיפה" - דהיינו זיי זענען געווען קעניג אויף די "גאנצע וועלט" - אחשורוש,

ועוד. פרעגט די גמרא: וואס טוט זיך מיט שלמה המלך? תירוץ: שלמה איז געווען קעניג אויף עליונים און תחתונים - בפשטות מיינט די גמרא צו זאגן אז שלמה איז געווען קעניג אויך אין הימל, אויף די שדים וכדומה.

אבער מו"ר ר' ראובן מרגליות זי"ע, איז מגלה פלאים. ותוכן דבריו, די גמרא באנוצט זיך מיט דעם לשון "שלשה מלכו בכיפה" - כיפה, א קאפעל, דהיינו אויף דער גאנצער "האלבער וועלט" אזוי ווי א "כיפה" וואס איז א האלבע BALL.
און דאס איז פשט פון דעם תירוץ בנוגע שלמה - שלמה איז געווען קעניג "עליון ותחתון" דהיינו "אויך אויף דעם אוטערשטן חלק וועלט! די גאנצע BALL - נישט נאר "כיפה".

די הודעה איז אויך נוגע פאר דעם אשכול פון מו"ר יידל.

**יידל** • 16טן נאוועמבער 2012

הפלא ופלא יאיר! א הערליכע ארבעט! באמת האב איך געפלאנט צו שרייבן איבער דער סאסייעטי, אבער היות איך האב מיך פארזוימט האבן פעאיגערע פון מיר גענומען די זאך אין די הענט אריין.

[פארקירצט]

לאדיך אפ: די חברה זענען אלע קריסטן פון א געוויסע קריסטליכע דענאמינאציע און אי"ה בהמשך וועל איך שרייבן אין דעם אנדערן אשכול איבער זיי. פארשטייט זיך אז ס'איז אייביג דא אפאר אויבער-חמים וועלכע גלייבן אז די וועלט איז פלאך אפילו זיי זענען נישט קיין גלויביגע, אבער רובא דרובא זענען קריסטן וועלכע גלייבן אז מ'דארף אויסטייטשן דעם ביבל - סיי תנ"ך און סיי די נייע טעסטאמענט - פשוטו כמשמעו ממש. איך האף אויך דן צו זיין אין דעם אנדערן אשכול איבער זייער מקורות פון תנ"ך אז די וועלט איז פלאך, און וויאזוי מיר אידן זענען זיך מטפל דערמיט.

קאווע טרינקער: וויאזוי מ'קען וויסן דעם אמת? עס איז טאקע נישט מעגליך. פיליכט איז די וועלט פלאך?

איבער ר' ראובן מרגליות' פשט יש להאריך הרבה, אבער בקיצור וועל איך נאר זאגן אז לכאורה האבן טייל - צו אפשר אפילו רוב - פון חז"ל געהאלטן אז די וועלט איז רונדיג ווי א גלאבוס, אבער האלב פון דעם גלאבוס איז איינגעטינקען אונטערן וואסער, ואכמ"ל.

**משה געציל** • 17טן נאוועמבער 2012

איך פאנג שוין אן טראכטן אז אונזערע קעפ זענען באמת פלאך...

---

**היסטאריע • מנהגים**

# פון וואנען נעמט זיך דאס פארשטעלן פורים?

א שמועס וואס האט זיך אנגעהויבן אין אדר 2012, וועגן די מקורות פונעם מנהג זיך צו פארשטעלן – פון מהר"י מינץ און דעם רמ"א ביז „אבן בוחן“ – און פארוואס מען קלאפט ביי המן. עטליכע תגובות זענען פארקירצט.

פון **צדיקל, א געלעכטער, דולה ומשקה און אנדערע**

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „מקור פון "זיך פארשטעלן" פורים“ • 6טן מערץ 2012 – 20סטן פעברואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/95.html

**איש האמת** • 6טן מערץ 2012

מ'זאגט אז דער מקור דערפון איז וויבאלד ס'שטייט און דער מגילה,
ורבים מעמי הארץ מתיהדים

צדיקים האבן געזאגט אז מ'זעט דער פנמיות פון א מענטש, ווי אזוי ער פארשטעלט זיך,

בכלל ווער זאגט ס'איז נאר פאר קינדער????????
פארשטעלן מיינט נישט דוקא פון קאפ ביז פיס, מיט א מעסק, און א גרילא, גאר אסאך עלטערע און נארמאלע מענטשן
גייען מיט א רעבישע בעקיטשע, צו אן אונטראסנטע מין הוט וכדומה, מ'זעט קלאר ס'איז פאר עלטערע אויך,

**יידל** • 6טן מערץ 2012

דיינע פראגע צייכנס זענען אראפ פון סקרין, ארויף אויפן טיש און געכאפט א ברייטע רקידה ביי מיר אין שטוב.
קומענדיגע מאל ביטע נישט אריינלאזן מער ווי איין פראגע צייכן אויף אמאל, ווייל אז נישט געבן זיי מיר א קאפ ווי מיט זייערע איבערקערענישן.

**א געלעכטער** • 19טן מערץ 2012

און ספר 'מנהג אבותינו בידינו' פון ר' גדלי' אבערלענדער שליט"א ברענגט ער אז ר' עקיבא יוסף שלעזינגר ז"ל שרייבט און זיין ספר 'לב העברי' אז דער רמ"א אליינט פלעגט זיך פארשטעלן פורים.
והא לך לשונו שם בספר לב העברי:

„שמעתי מעשה מהרמ"א ז"ל אשר מת בן ל"ג שנים ומת בל"ג בעומר בשנת של"ג ועשה ל"ג ספרים,
והספדן סיפר עליו ל"ב שבחים והי' מצטער עצמו למצוא עוד שבח אחד להשלים מנין ל"ג, עד שבא זקן אחד ואמר שמנהג הרמ"א ז"ל היה בכל פורים ללבוש פרצוף ולהתנכר לעצמו בבגדים אחרים וצעק בכל בית 'צו מעריב בזמנו' וזה היה שבח ל"ג שלו"

**דולה ומשקה** • 20סטן פעברואר 2013

1) ותלבש אסתר מלכות

2) וישלח אסתר לאסתר בגדים אחרים

3) מלאכים האבן זיך פארשטעלט ווי די צען קינדער פון המן ווען זיי האבן אפגעהאקט דיביימער אין גארטן פון אחשורוש

4) די גאנצע נס פורים איז געווען מלובש אין טבע

און דאס וואס ערוואקסענע פארשטעלן זיך נישט איז היות ס' פאסט נישט, העטיך פעטיך ווען דער שענדישוב רבי פארשטעלט זיך וואלט דאס שוין געווארן א מנהג ביי זיי, אז אלע חסידים פארשטעלן זיך, פון דארט וואלט זיך אריבער געכאפט קיים ספינקא-מאנסי, ביז ס'וואלט געווארן א נורמאלע ערשיינונג צו זען ערוואקסענע פארשטעלט.

לגבי די לבושי פורים שפיגלט אפ די פנימיות פון דער מענטש, זאגט זיך גוט, אבער יעדעס יאר פארשטעל איך זיך עפעס אנדערש, וועל איך זאגן יעדע פורים האב איך עפעס אן אנדערע סארט פנימיות?

**היימישער ליטוואק** • 20סטן פעברואר 2013

„יעדע פורים האב איך עפעס אן אנדערע סארט פנימיות?"

ניין. נאר אז דו ביסט א נאך-נישט-געסעטלטע מענטש.
סאררי, נאר א ווערטל לשמחת פורים.

**צדיקל** • 20סטן פעברואר 2013

דער מנהג צו פארשטעלן זיך אין פורים ווערט שוין דערמאנט אין די ראשונים, דער רמ"א סוף סי' תרצ"ו ברענגט א תשובות מהר"י מינץ, אז דער מנהג אין פורים איז געווען גבר לובש שמלת אשה ואשה כלי גבר, און דער מהר"י מינץ איז דאס מתיר וויבאלד מ'טוט עס נאר פאר שמחה.

אויך ווערט געברענגט דער מנהג אין ספר אבן בוחן. (לרבינו קלונימוס בן קלונימוס, ער האט געלעבט אנהויב אלף הששי).

וזל"ק:

„ובארבעה עשר יום לחודש אדר: בחורי ישראל לכבוד ולהדר: יתפארו ויתהללו: כי ישתגעו וכי יתהוללו: זה זכר עשה לנפלאותיו ופרסום לניסים: כי יעטו במעיל תפארת העכסים: וזה לכבוד מרדכי ואסתר: סחיף דיקילא ארישיה וכופף עליו פסכתר: זה ילבש שמלת אשה ולגרגרותיו ענקים: וזה יתחקה כאחד הריקים: תוף ומחול שמחה ושלישים: אלו עם אלו אנשים: ולעת ערב סעודת פורים: איל וצבי ויחמור וברבורים: משלוח מנות איש לרעהו משבעת המינים: אבל מתנות לאביונים מתמעטות בכל השנים:“

אין אלי' רבה זאגט ער דער טעם איז אפשר זכר למרדכי שיצא בלבוש מלכות.

**צדיקל** • 20סטן פעברואר 2013

דער מנהג צו קלאפן ביי המן ווערט שוין אויך געברענגט אין די ראשונים, דער בית יוסף סימן תר"צ ברענגט עס בשם אורחות חיים, כשמזכיר שם המן ובניו מקנשין "התינוקות" באבנים או בלוחות עץ שבידם וכתוב בהם המן ועל ידי הניקוש הם נמחקים, ולמנהג זה יש שוורש בהגדה, דאמרינן כי מחה אמחה את זכר עמלק וכו,. און דער רמ"א דארט ברענגט ומזה נשתרבב המנהג שמכים המן כשקורים את המגילה בבית הכנסת.

אבער קלאפן אליין ווערט שוין געברענגט פון נאך פריער, אין ספר תניא רבתי (סימן מ') ברענגט ער עס בשם רש"י, מצאתי בשם רבינו שלמה ז"ל, יש מקומות שאומרים אחר הברכה פיוט אשר הניא ואומרים ברוך מרדכי ברוכה אסתר ארור המן ארורה זרש, ומכין ברגליהם אבן על אבן, ומשברים קדירות כשמעם שבר המן וזרש.

אויך רבי אברהם ברבי נתן הירחי (ראב"ן, געלעבט סוף אלף החמישי) אין זיין ספר המנהיג ברענגט ער דעם מנהג.

[פארקירצט]

אין אבודרהם ברענגט ער אויך "מנהג התינוקות".

אין ספר המנהגים לרבינו יצחק אייזיק טירנא (פורים אות נ"ה) זאגט ער, שתקנוהו בשביל התינוקות, כדי שלא ישנו, שאף הם חייבים במקרא מגילה.

**נשמה יתירה** • 20סטן פעברואר 2013

[פארקירצט]

די הבנה אז שמחה איז דורך האבן אן אנדערע מין עקספיריענס, שטייט שוין פין דעם מגיד אין ספר שמועה טובה דף ס'
ופ"א שמעתי מאדמ"ו שזה הוא התענוג מה שמשתנה הדברים, למשל בפורים בא שמחה מה שמשנין מלבושי אשה לאיש, ואיש לאשה.... ועוד אמר שבעליות העולמות עולם העשי' בא לעולם היצירה, והיצירה לבריאה, שמצא שפנימיות היצירה מתלבש במלבושי אותיות העשי' והבריאה באותיות היצירה, נמצא שנשתנו המלבושים, וזהו שמחה.
דהיינו אז פון די טיפסטע און בלי גבולידגע דרגות פון מציאות [מיין עכטער עססענץ] איז דא א התלבשות [מאניפעסטאציא] באופן של מער א צימצומדיגע מושג. און אט דער שינוי איז שמחה.

איך מיין אז עס איז נישט אז סתם די שינוי פון איין מצב צום צווייטן איז שמחה. עס איז אז מען זעט אין שפירט אז אט דער צימצום איז אויך נכלל און מיר. איז דאך דאס גאר א התפשטות. ווייל ווען איך טראכט פון דעם קלענערע מצב, בין איך דאך דער קלענערער מצב. כידוע מהבעשה"ק במקום שחושב האדם, שם הוא כולו, ווייל מחשבה איז די מציאות. ממילא אז דאס איז מיין מחשבה, איז דאס מיין מציאות. קומט אויס אז התלבשות אין א קלענערע מצב האט אין זיך הן דעם מצב פון צימצום און אויך דעם מצב פון ארויס גיין פון צימצום. ווייל בבת אחת מיט דעם טראכטן און זיך געפינען אין דעם קלענערן מושג פון עשיה, טראכט איך און שפיר איך דאך אויך אז דאס איז נאר א התלבשות, א לבוש מיינט דאך אז דאס איז נישט וואס איך בין בעצם, איך האב מיך נאר פארשטעלט. אבער בעצם בין איך ברייטער און איך בין נישט אין דעם מיצר, און עס איז נאר א לבוש. ממילא האב איך ביידע, סיי דעם מיצר און ברגע כמימרא אויך די געשמאק פון יציאה ממיצר. וואס דאס איז תענוג ושמחה.

[פארקירצט]

איבערלעבונגען

# שלימזל'דיגע מעשיות

„בעל מדות“ לייגט פאר: אנשטאט זיך צו ערגערן ווען עפעס גייט קרום, לאמיר עס פארציילן מיט א שמייכל. א מקוה ערב שבת, א נאגל אין וואנט, א הוט אנשטאט א שטריימל, און א קנעפל וואס איז אוועקגעפלויגן ביי א חתונה.

פון **בעל מדות, געוואלדיג און אנדערע**

קאווע שטיבל • א שמייכל • „שלימזל'דיגע אנעקדאטן און טשעקאווע פאסירונגען“ • 12טן יוני – 4טן סעפטעמבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9090.html

**בעל מדות** • 12טן יוני 2015

איך בין נישט יעצט אין דעם מוד פון פאבריצירן געשיכטעס, און עס איז בכלל נישט די פאסיגע זמן צו מגזם זיין אדער צולייגן ספייסעס איך האב נאר בייגעוואוינט א סצענע ווי פאלגענד.

איך קום יעצט צוריק פון מיין געשמאקע ערב שבת מקוה אין מיין דערנעבנדע בית המדרש, איך האב שוין געהאלטן ביי דער ענדע פונעם פראצעדור, זיך צוקנעפלענדיג די פריש געביגלטער העמד'ל.

אט האט אן אינגערמאן מיטגעברענגט זיינע צוויי קליינע קינדער אין מקוה, פארגרינגערנדיג פאר זיין אשת חיל מיט דער שטוב ווירטשאפט, די קינדער זענען מיר פון אנהויב נישט געפאלן מיט זייער קענטליך ארויסשטארנדע ווילדע טעמפער און הייפערנעס, זיי האבן געווילדעוועט, און געשפרונגען, פלאטשקענדיג אין בור צו דער אויפרעגעניש פון די רוהיגע און קרעכצנדע אפיציער און די שמוציג פארגעלטע וואסערזאפט.

ביים נעמען א שויער האט דער פאטער פון די צוויי שטארק געשוויצט צו זיי אפריינינגן, ווען זיי בורדענען און רוען נישט אין קיין איין סאקונדע, ווען דער פאטער האט אליין באדינט זיינע געברויכן האבן זיי זיך אנגעהויבן באווארפן מיט די קליינע כשר זייפלעך, פארוואנדלענדיג דעם הייס פארפארעטן שויער שטוב אין א ווילדע געשלעג מיט פליענדע אביעקטן.

אט זענען זיי שוין פארטיג מיט דעם פרישן פסק פון טאטן און זיי זענען ענדליך אפגעריינינגט און פריש צום שבת, די טאטע'ס הארעוואניע איז ענדליך געקימען צו אן עק.

זיי צוויי שפאצירן ארויס ענדליך פון דער שויער שטוב, עס טראפט פון זיי וואסער, געטריי ארימגעוויקלט מיט די ווארימע האנטיכער שפאצירן זיי ארויס און דאן האט פאסירט דעם קאמישן, רחמנות'דיגע, און שמייכלדיגע סצענע ווי איינע פון די קינדער האט פארלוירן זיין גלייכגעוויכט אויף דער נאסער גליטשיגער ערד כאפנדיג א טראסקע צו דער ערד מיטשלעפנדיג זיין ברידער אויף דעם מאראסטיגן באדן ווי זיי זאלן וועלן ווילן נקמה נעמען אין דעם פאטער... א זעץ אויף דער ערד האט זיך געהערט און עס האט אויסגעזעזן ווי דער יונגערער זאל זיך ווען שיעור צעשפאלטן דעם קאפל.

אנע שכל האבן זיך די צוויי פארשמירט די גלאנציגע קערפער שמעקעדיג פון העד און שאלדער'ס, מיט ערד כארא און האריגע וואסער מאראסטיג און פאר'חזר'ט.

א זיסע און הויכע געלעכטער -וואס האט היבש בארוהיגט די פולע צושויער וואס האבן זיך צוזאמגעלאפן- האט זיך געהערט אינעם חלל פון דער מקוה און דער טאטע ארויסבליקנדיג פון זיין צעל האט גראד געכאפט אז מען רעדט דא פון אנהייבן דעם פראצעדור עוד הפעם... און זיין קרעכץ האט פארשטילט די בייזע געלעכטער וואס האט זיך אומדירעקט געשאפן ביי יעדעם אין די נאזלעכער, נישט שיין געוועזן צו לאכן אבער די נאטור איז אזוי געווארן אוועקגעשטעלט דורך השי"ת.

עניוועיס נישטא מער מאריך צו זיין
האטס מיר א גוט שבת.

**בעל מדות** • 14טן יוני 2015

מאדנע געשיכטעלעך פאסירן יעדן טאג, א פאזיטיוויסט וואלט בעיסקלי געקענט נעמען 95% פון די תגובות אין דעם אשכול פון "זאכן וואס רעגן מיך אויף" און עס אראפלייגן הומאריסטיש אין אזא שלימזל'דיגע פארנעם געשעעניש, איז אנשטאט זיין אין כעס, זיך רעגן, לאמיר טאקע פרובירן דערמיט צו מאכן זאכן מער שענער וויזי איז געווען און ברענגען דערמיט הנאה פאר מענטשן.

נישט לאנג צוריק בין איך געווזן פארנימען אויפרוימען און איינרישן מיין אפיס, האבעך געפונען צווישן מיינע לעדלעך א געוויסע מעדאל פלעג וואס האט געזאלט ווערן אויפגעהאנגען אויף דער וואנט מיט א נאגל, א האמער איז נישט געווען אין מיין אפיס, און איך האב געזיכט עפעס וואס האט די געוויכט צו אריינשטופן דעם נאגל אין דער וואנט.

צווישן די בעסטע זאכן וואס איך האב נאר געטראפן איז געווען א ספרעי וואס האט געוואויגן און האט אויסגעזען שטארק, גענוג אויף צו ארייניהאקן דעם קליין איידעלע נעגל אריין אין וואנט.

איך האק איינמאל, צוויי מאל, ווען מיטאמאל האט די שארפע שפיץ פונעם נאגל פאראורזאכט א לאך אינעם ספרעי און ווי א באמבע זאל אויפשיסן האט זיך געגימען שפריצן און רעגענען פון דעי ספרעי מאטריאל וועלכע איז געווען אזא אומאנגענעמע קלעבעדיגע אויל שיסנדיג מיט מאכט ווי אויף מיין גאנצן געזיכט, רעקל, ציצית, און ווי נישט.

זיך טרעפנדיג הונטער א שיכט פון דעם קלעפיגער באלאגאן, האט דער באטל ווייטער פארגעזעצט זיך צו ארימווארפן אויף דער ערד שיסנדיג פון דעם לאך ווי א פייער פאמפ שמוציגע געיל'ליכע קאטשעניו.

א גויטע האט פינעף שעה געדארפט קלינען צו צוריקברענגען דעם ארט ווי בעפאר.

איז געבט אכטונג...

**געוואלדיג** • 14טן יוני 2015

איך שטיי אמאל אויף שבת צופרי אין א פריע שעה, און מיט זיגרייכן שמייכל גיי איך מיר אין ביהמ"ד מיט גרויסע פלענער וואס איך גיי אלס אניאגן צו לערנען פארן דאווענען, און וויאזוי מיין נשמת וועט אויסקוקן, און אזוי פארזינקען אין מיינע חלומות שפאנציר איך מיר אריין אין ביהמ"ד, איך טו אויס מיין רעזשוואלקע און איך בליק אריין אין ביהמ"ד אין א בחינה פון מי הקדימני ואשלם, און איך טרעף מיך דארט אן מיט אן עלטערן איד וואס האט ב"ה זוכה געווען צו זיין פון די משכימים ומעריבים בביהמ"ד, איך קוק אים אן און ער קוקט מיר אן און ער רופט זיך אן צו מיר מיט א קול פול מיט זארג, עפעס איז געשען צו דיר? קומסט פון שפיטאל יעצט? איך קוק אים אן ווי עפעס איז געשען מיט אים, און איך פרעג אים צוריק וואס עפעס זאל עפעס האבן געשען? ענטפערט ער מיר ווייל דו ביסט אנגעטון דיין הוט.... איך לייג צו מיינע הענט צו מיין קאפ ווי איך וויל עס זאל נאר א חלום זיין, אבער והנה בעתה עס איז א הוט, איך דריי מיך אויס און איך לויף אהיים ווען מיין הוט איז אין מיינע הענט מיט א רצון אז קיינער זאל מיר נישט טרעפן...

**גרויסע מענטשעלע** • 31סטן אויגוסט 2015

אזוי ליינעדיג דערמאן איך מיך ווי אלטס 10 יעריגע אינגעל בין איך געווען פריש צו פארטאגס שטייע איך אויף איינטאג געמיינט האב איך ווי אלע טעג כשלעגגל מיך די גאסן צום חדר כקום אן בום די טיר פארשפארט די צווייטע טיר אויף לעקטער פארמאכט אזוי האלב דערשראקן לויף איך אהיים כוועק אויף מיין מאמע כפארצייל איר אז די חדר איז פארשפארט זאגט זי מיר קינד מיינס סאיז נאך 4 א זייגער.

כמיין דאס לעצטע מאל כבין געווען צייטליך פארטאגס

**בעל מדות** • 4טן סעפטעמבער 2015

אין יענע מאמענטן האט די וועלט באלאנגט צו מיר, איך האב זיך צוגעהערט צו די שארפע קנאקעס פון מיין נייע גלאנציגע שיך, איך האב זיך געשפורט ווי דער פרינץ מיט אן איבערפרישונג פון קליידער מכף רגל ועד ראש,

אויסשטאפירט הערליך לכבוד די גרויסארטיגע חתונה אויף וואס מיר קוקן שוין אזוי לאנג ארויס דערויף.

דאס קילע ווינטל אויף דער גאס האט צעבלאזן די גערוכן פון אלע געווירצן און שאמפו'ען גענוצט זיך צו רייניגן קורץ בעפאר, און געשאקלט מילד מיינע נאסע שיין געקרייזלטע פיאות.

די קינדער אויסגעצירט און אויסשטאפירט לכבוד די שמחה זענען שוין אריין אין אויטא און איך האב נאך איינמאל אפגעוואשן מיין הערליכע נייע ברילן יעצט ארויס פון באקס און דאן געלאזט מיינע טריט צום קאר גרייט צו פארן אנטיילנעמען אין דער שמחה.

איך שטיי שוין אט ביי דער טיר פון זאל איך לאז אין גאנג א קורצע פראיעקט פון אפשנעלקן די ווייסע שטויבעלעך פון מיין נייע בעקיטשע איך באטראכט מיט פארגעניגן די הערליכע דעזיין וועלכע ווארפן פראכט און מלכות און דא צום לעצטן מאל האב איך געגימען דעם שטריימל אין האנט שטוינענדיג פון איר מוסטערהאפטיגע פרעכטיגקייט,

אפבלאזנדיג די שטויבעלעך, א קליינע פארעכט דא, א בלאז דארט, והנה, היידא! אלעס קלאפט, איך עפן די טיר פון זאל און מיט דעם קאפ געבויגן אויף ארויף מארשיר איך אריין אין זאל ווערנדיג אויפגענימען דורך א ציכטיגע זאל מיט שמעקעדיגע פריש געוואשענע ערד און כלים.

מאאזזועלל טאאב הערט זיך די אויסרוף פון דעם ערשטן שוואגער ווערנדיג נאכגעפאלגט דורך אנדערע קרובים און קוזינעס, יעדער איז לוסטיג, דער חתן איז פארנימען רייבן די נאז מיט די אומבאקוועמע זאל טאשנטיכלעך צו דעם אומהיימליכן קלאגליד פון א היימישע וואנעבי גראמער וואס זינגט אפף טאן.

די חתונה צייגט רייכטום און דערהויבנקייט, די פארשידענע מוזיקאנטן שטעלן זיך אוועק אויף זייערע פאזיציעס גרייט מאכנדיג זייערע כלים, יעדע מינוט שפאצירט אריין נאך א פעטער אדער קרוב אויסגערוט און ענטוזיאסטיש גרייט אנציהויבן דעם גאר גרויסן נאכט.

איך הייב אן קומען צו זיך, איך נעם א פלאץ און וויל טראכטן פון זיך אוועקזעצן, ווען דאן אט דא איז די בראך אנגעקימען, א ווילדע נשמה, מיט א געוויכט ווי א מאנסטער, געוויס א קרוב צום אנדערן צד, א בחור, וואס טראגט מיט זיך א פעשליך פעקל, שפאצירט מיר דורך לויפנדיג אויף אן אומאפשטעלבארע שנעלקייט ווי ער זאל דארפן יעצט ראטעווען אן עולם מלא, און מיט א געלונגענע אויסגערעכנטקייט האט זיין זייטיגע בעקיטשע שינדער אראפגעגאלט מיין קנעפל איר אריינשיקנדיג גראד אריין אין טעלער הערינג אויף וואס די אלטע פעטער אן אלמן איז געזעצן מיט גרויס אפעטיט.

איך בין געווען אין קענטליכע שאק נאכנישט אקאמאדירנדיג דעם פאקט אז מיין נייע בעקיטשע איז דראמאטיש פאר'יתום'ט געווארן פון איר קנעפל.

איך האב זיך אויפגעהויבן פון פלאץ אהיימגעלאפן און ארויפגעווארפן אויפן קערפער מיין אנדערע בעקיטשע וואס איך האב שוין אביסל אויסגעוואקסן מאכנדיג דעם שנעלן חשבון אז מיט א בעקיטשע אן א קנעפל קען איך נישט זיצן.

אויפן וועג צום זאל האב איך איבערגעטראכט דעם מאדנע געשעעניש וואס האט נארוואס געשטעלט אין פלאץ מיין פריערדיגע עקסייטמענט און איר אראפגעטראגן א שטאפל.

איך בין אנגעקימען צו דער חופה דער חתן איז נישט געווען דאהי ווייגענדיג פאר זיסע צייטן, די סעודה איז געווען גאר ברייט און מגושם, דער מחותן האט באשטעלט שטיקער רינדער און טייערע משקאות אזוי אז דער עולם האט זיך געווישט די פעט וואס האבן זיך אראפגעגליטשט פון די מיילער.

די בענד ראקט, דער זינגער האקט, דער ציבור ווערט אינטערטעינד, מיטאמאל באקימט די שפילער די סיגנאל אנצוהויבן עוד ישמע אן עלעקטערישע שטראם לויפט אריבער אין דער לופט דער חתן ווערט אריינגעפירט אויפן בענקל ווארפנדיג באלאנס און קליינליכע קענדי'ס.

דא האט עס נאכאמאל פאסירט! איינער פון די אנוועזנדע מיט א רבנישע בעקיטשע און מאסיווע קנעפל אפשינדער (די צוויי זייטיגע האלטער'ס וואס טראגן דעם גארטל) האט ווידעראמאל מאנעווורירט זיין שינדער אטאקירט מיין פאזיציע און אפגע'שחט'ן מיין קנעפל פון איר ארגינעלע מקום, איר אריינשיקנדיג אויף א טענצל צווישן די לעבעדיגע געטענץ...

אנע גוזמאות, איך האב שיעור נישט צושפאצירט צו דעם איד און אראפגעריסן אלע זיינע קנעפלעך... איך האב נישט געוואוסט וואס דא גייט פאר און איך האב אנגעהויבן שפאקולירן צו די שינדערס וואס קומען ארויפגעקלעבט אויף די אלע בעקיטשעס זענען נישט צוגעלייגט ספעציעל אויף צו פארמערן ביזנעס, מען ברויך זען וואס מען קען טון אפשר קענען מיר אויפקומען מיט עפעס וויסנשאפטליך.

איך זיץ דא יעצט און באטראכט וויאזוי מען נייעט צו מיין הויפן קנעפלעך.

און אז איך האב שוין די שופר אין האנט...מזל טוב חתן...!

קולטור • רעצענזיע

# „אידישע תאוות“: אידישער חוזק אדער גוי־פאביע?

א קריטיק אויף א פאפולערן ליד פון מאטי אילאוויטש, וואס זינגט אויס אונזערע „תאוות“ און לאכט פונעם גוי וואס פארשטייט זיי נישט – און ליינער וואס זענען נישט מסכים.

פון **קטלא קניא, אישתישבי און אנדערע**

קאווע שטיבל • געזעלשאפט • „מאטי אילאוויטש'ס "אידישע תאוות": אידישער חוזק אדער גוי'פאביע“ • 8טן–9טן דעצעמבער 2020
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14369.html

**קטלא קניא** • 8טן דעצעמבער 2020

אין זיין אנומלטן אלבום "רעיונות" האט מאטי אילאוויטש א ליד מיטן נאמען "אידישע תאוות", וואו אויף גראמען זינגט ער אויס מצבים, מאמענטן און געפילן פון אונזער אידישן לעבן. אמאל איז עס דער חולה וואס וויל פאסטן יו"כ, אמאל אונזערע טרויבן־זאפט אנגסטן, און צומאל מער שעדליכע מנהגים ווי ענדיגן חתונות אין די משוגע'נע שעה'ן פארטאגס. אט אזוי נעמט דאס ליד א שפאציר ארום אונזער הילוך החיים און זינגט אויס פיקאנטישע אומשטענדן און רייצונגען, אדער ווי ער רופט זיי "תאוות".

מיט די תאוות טוט דאס ליד צוויי זאכן. ערשטנס, לשעבד בזה תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו, כאילו די תאוות זענען נישט בלויז שטריכן פון דעם אידישן לעבן, נאר גאר א חלק פון עבודת השם. און צווייטנס, אז די תאוות ווייזן אויף אונזערס א העכערקייט פון אנדערע. כלומר, זיי זענען נישט בלויז א חלק פון אשרינו מה טוב חלקינו, נאר גויים זענען נידריגער טאקע דערפאר ווייל זייערע תאוות זענען פון א נידעריגער ניוואו.

די טעמעס קומען שטארק ארויס אין דעם רעפרען וואס איז מחזק דעם מעסעדזש פון דעם ליד אז וויבאלד אונזערע תאוות זענען הויכע און הייליגע און א חלק פון אתה בחרתנו מכל העמים, ממילא קען דאס פארשטיין נאר א איד און נישט א גוי.

אזוי צי אזוי
וואס פארשטייט א גוי?
ס'איז דאך תאוות ומחשבות לבנו
לעבודתו יתברך שמו.

למעשה, נאך מען הערט אויס דאס ליד שטעלט זיך אויס אז ראשית־כל זענען אסאך פון די אידישע תאוות בכלל נישט "תאוות" ווי מען פארשטייט אלגעמיין דאסווארט, דאס הייסט גלוסטונגען אדער חשק. און נאכמער, וואס די תאוות זאלן נישט זיין, זענען זיי נישט שטענדיג אזוי לויבבאר פאר די אידן וואס טראגן זיך מיט זיי ארום, און זיכער נישט לעבודתו יתברך שמו. דער חולה אויף יו"כ איז טאקע אזוינס, נאר רוב פון די עקזעמפלארן זענען צום בעסטן אידיאסינקראזיעס און באזונדערקייטן פון אונזער לעבן. למשל וועמען צו זאגן שלום־עליכם ביי קידוש־לבנה, דער געפיל פון זיך אויסלופטערן מיט אפשאקלען דעם טלית פון קאפ נאך א לאנגען "ממקומך" אדער די הנאה פון געוואויר ווערן א פרעמדנ'ס נאמען דורך א זייטוועגס־בליק אויף זיין טלית־בייטל. די זענען טאקע אן אומבאזונדערטער חלק פון אונזער סארט אידישקייט, אבער פארדעם ווערן זיי נאכנישט קיין תאוות און אוודאי נישט עבודת־השם. זיי זענען פשוט א פועל־יוצא פון אונזער קולטור און לעבנסשטייגער.

די זענען אבער די בעסערע דוגמאות. אין דעם ליד רעכנט ער אויך אויס אנדערע מצבים וואס זענען וויי־ניגער ליבלעכערע כאראקטעריסטן פון אונזער געזעלשאפט, און פון זיי זענען דא אזוינע וואס מען קען אנרופן השחתה פון מדות. צום ביישפיל, טרעפן א בלאט־פלעק אויף א חבר'ס אתרוג, וואס לפי דעם ליד, "די שמחה פארשטייט נאר א איד", איז זיכער נישט א זאך זיך צו רימען, גאר ווייט פון עבודת־השם און נאך וויי־ניגער דורכדעם אראפצולייגן א גוי.

[פארקירצט]

אפילו נישט געקוקט אויף דאס אלעס, אז מאטי אילאוויטש וויל דאס פרעזענטירן ווי אידישע תאוות און א חלק פון עבודת־השם, זאל זיין אזוי. איך בין נישט אויסן אים איינצוטיילן סארא גראמען זענען מער געראטן אדער די גרעניצן פון הומאר, און זיכער נישט צו פסל'ען זיין שעפערישקייט. זאל ער טון וואס ער טוט אמבעסטן און דעם וואס געפעלט נישט מוז נישט הערן.

אסאך פון די דוגמאות זענען הומאריסטיש, נישקשהדיג געגראמט און מיט באַ'טעמ'טער מוזיק, און אט אזוי מאלן זיי אפּ אספעקטן פון אונזער לעבן פון עטוואס א שארפערן קוקווינקל. אין אן אנדער ליד אויף דעם זעלבן אלבום, "יעדער קיינער", קריטיקירט טאקע מאטי אומדירעקט אסאך פון די זעלבע שטריכן. אין יענעם ליד באזינגט ער דעם "יעדער" און דעם "קיינער" וועם מיר געבן אפּ אן א שיעור דרך־ארץ און וואס טרייבן אונזער לעבן און טאקע אויך אונזערע "תאוות". מען איז דאך אבער נישט מחוייב שטענדיג צו קריטיקירן און אז דא וויל מאטי זען דערין א חלק א חלק אלו־ה ממעל, ווער בין איך זיך צו קריגן? זמן שירה לחוד וזמן קריטיק לחוד.

די פראבלעם איז נאר אז נישט בלויז דרייט ער אויס וואס איז בעצם א הומאריסטישע קריטיק צו א שבח און כאילו מען דינט מיט דעם גאר דעם באשעפער, נאר ער נוצט עס אויך אויס צו באליידיגן און דערנידערן גויים. דאס חזר'ט זיך כסדר איבער אין דעם רעפרען פון "וואס פארשטייט א גוי?" אויסגעגראמט מיט "לעבודתו יתברך שמו". כאטש למעשה ליגט אין דעם ליד כמעט נישט קיין שום מוסטער פון העכערקייט אדער איידלקייט דאך מאכט עס אונז כלומרשט שטייען העכער ווי גויים מיט זייערע "נידעריגע" תאוות. אויף אזא מסקנא איז נישטא קיין תירוץ פון שפעררישקייט אדער קיין מצוה פון לימוד־זכות און פארדעם באקומט מען נישט קיין ארטיסטישן היתר.

אט דער "מוסר־השכל" איז נישט באהאלטן אין געהיימע קאודס און סובטילע אקראסטישע ראשי־תיבות וואס מען קען פארטייטשן לכאן ולכאן, נאר מאטי זאגט עס ארויס בפירוש. באלד ביים ארייַנפיר פון דעם ליד אין אן אקדמות־מילין פון נישט־געזוונגענע גראמען, רעציטירט ער דעם טעזיס פון וואס ער גייט דא זינגען.

ער דערציילט פון א איד וואס יישוב'ט זיך שבועות ביינאכט צי ס'איז כדאי זיך צו פארפליישיגן ווייל ער וויל האבן א קאווע פאר זיין וותיקין שחרית וואס איז וויינציגער ווי זעקס שעה ווייט. לכאורה קען א גוי מאכן אן ענליכער חשבון, לאמיר זאגן ארום א דיעטע, צי ער זאל אויסנוצן זיינע ערלויבטע קאלאריעס לכאן או לכאן, אבער זעט אויס אז דאס פאלט מאטי'ן נישט איין. אים איז אויך נישט גענוג אז דער גוי פארשטייט דאס פשוט נישט, נאר ער מוז מאכן א קאנטראסט מיט דעם גוי'ס תאוות וואס ער זאגט בפירוש ארויס אז זיי זענען, "נידעריג, מיאוס און טרייף" - פארשטייט זיך אן צו זאגן מיט וואס זיי זענען אזוי נידעריג. זענען דעם גוי'ס תאוות נידעריג ווייל ס'גלוסט זיך אים נישט

אנצורירן נאסע פארב? אדער מיאוס ווייל ער מוטשעט נישט אין דעם עירפארט איבער א מנחה?

די סיבה פארוואס מאטי מוז צוקומען צו א גוי'ס טריפה'נע תאוות איז וויבאלד דער גוי איז נישטא סתם אויף א פארגלייך, נאר אויף דעקונג. אדער ווי א חבר האט מיר געזאגט, אויף צו כשר'ן. נישט צו כשר'ן דעם איד נאר א מיטל צו כשר'ן דעם זינגער, דהיינו מאטי און זיין ליד.

זיין ליד וויל ארויסברענגען אסאך פון אונזערע אבסעסיעס און משוגעת'ן, נאר ער איז חושש אז מיט דעם אליין וואס ער איז זיי מהפך צו עבודת השם וועט ער זיי אפשר נאכאלץ נישט קענען דורכשווערצן אונזערע שטארקע באוואכטע גרעניצן. א פליישיגע יו"ט סעודה ביינאכט קענען א מילכיגער קאווע פארטאגס איז טאקע יש לישב בדוחק אז ס'ליגט דערין א לימוד־זכות, אבער וואס וועט מען זאגן פאר "ראבערנעקן" ארום א הצלה־אמבולאנס? אדער דער יאט וואס נעמט צוויי האנטיכער אין מקוה? וואו איז דארט דער עבודת־השם? דעריבער ברענגט דאס ליד אריין דעם גוי מיט זיינע "מיאוסע" תאוות, און אזוי ארום ווערן אונזערע כלומרשטע תאוות נישט נאר בדיעבד גע'כשר'ט נאר זיי ווערן נתהפך צו א למהדרינ'דיגע שיעבוד לעבודתו יתברך שמו.

דאס איז אבער נאכנישט אלעס און עס ווערט אסאך ערגער. פאר דעם סוף פון דעם ליד ווערט די מוזיק מער פאמעלעך, מאטי'ס קול ווערט ערנסטער און טיפער און ער גייט אריין אין א טרערן־קוועטשעריי. אין די שורות באזינגט ער די "תאווה" פון עלטערן וואס טוען פאר זייערע קינדער מער ווי פאר זיך אליין און די "תאווה" פון א קינד צו ברענגען נחת פאר די עלטערן ווען דאס קינד וויל אז מען זאל אים אדער איר פארשטיין. דאס געזאנג איז ווארעם און הערצליך, כאטש צו סענטימענטאל פאר מיין טעם, און אז ער וויל זאגן אז אין אזוינע געפילן ליגן אויך א באזונדערן אידישן טעם, הרשות בידו.

נאר דווקא נאך אזא שטאטער און עמאציאנעלער סטראפע קומען די שורות וואס במושכל ראשון זענען זיי די אויס די כשר'סטע אבער למעשה זענען זיי די געמיינסטע פון דעם ליד. "איך דאנק דעם קל חי \ שלא עשני גוי". נאך די הערצער זענען אנגעווארעמט און אויסגעווייכט און מען האט ארויסגעקוועטשט פון די אויגן א טרער, דווקא דארט גנב'ט מען אריין אביסל גיפטיגע שנאה פארשטעלט מיט א מאסקע פון א ברכה.

דער פשוט'ער פשט פון שלא עשני גוי איז אז א גוי איז נישט א בר מצוות און פונקט אזוויו שלא עשני אשה (ועיין ב"ח או"ח סי' מו למה אין מברכין שעשני ישראל), נאר סייווי בין

איך נישט אויסן זיך דינגען איבער דעם. ווען ער זאל ברענגען זאכליכע דוגמאות פון דער שײנקייט פון אונזער לעבן און א שטאלצקייט פון זיין א איד, ווי שבת, יו"ט, אונזערע נביאים און ספרי קודש, מסירת־נפש, צדק צדק תרדוף און ער זאל דארט אריינוואַרפן "שלא עשני גוי", מהיכי תיתי. און אז ער וויל דאנקען דעם אייבערשטן איבער באציאונגען צווישן עלטערן און קינדער און דערמאנען דערביי וויאזוי משפחה־לעבן שפילט ביי אונז א צענטראלע ראלע, גאו אהעד. און אז דאס מאכט אים זינגען, אדרבה ואדרבה. נאר וויאזוי קומט פונקט ביי דעם אריין שלא עשני גוי? גויים האבן נישט קיין קינדער? גויים האבן נישט ליב זייערע קינדער? גוי'ישע קינדער האבן נישט ליב זייערע עלטערן?

איך בעט נישט מחילה ווען איך זאג אז דאס איז א מיאוסע, ראסיסטישע און קסענאפאבישע ליד וואס איז נישט בלויז מהפך די יוצרות נאר ווארצלט איין שנאה. און ווען מען שמוגלט דאס אריין באלד נאכן אויפמאכן א טיר פון כלומרשטער ליבשאפט איז עס נאך מער מסוכן. און ווען דער ציל איז ריינצוואשן דעם זינגער איז עס ציניש און אפגענארט.

[פארקירצט]

איידער מען באשולדיגט מיך מיט "בטל'ען־קולטור", ווי דער מנהג איז געווארן משתיק צו זיין אירע מיט נישט אויסגעהאלטענע השקפות - ביי אונז נישט ווייניגער ווי ביי זיי - לאמיך קלאר זאגן אז איך הער מאטי, איך וועל אים ווייטער הערן, און זאל ער אנגיין מיט מהנה זיין דעם עולם. דאס איז אבער נישט קיין תירוץ, און פארקערט עס פארגרעסערט נאר זיין אחריות. אלץ איינער פון די גרויסע אינטערנאציאנאלע אידישע זינגער, האט מאטי אילאוויטש א שטארקע השפעה, און איבערהויפט אז די לידער ווערן אסאך געהערט דורך קינדער און צענערלינגען וואס זיי ווערן לייכטער באאיינפלוסט. דערפאר ליגט ערשט אויף אים אן אחריות אזוי גרויס ווי זיין נאמען. חכמים הזהרו בדבריכם.

**פארוואס?** • 8טן דעצעמבער 2020

ווען איך האב געהערט דעם ניגון, האב איך אויך געהאט ענליכע מחשבות, איך בין נוטה צו מסכים זיין מיט'ן חבר אז א חלק פון די ווערטער איז נישט מער ווי א מיטל צו כשר'ן די איבעריגע תוכן.

למעשה, די סך הכל פונעם ניגון איז אביסל נישט אראפצושלינגען און נישט צו אויסשפייען. איך פארשטיי אז עס איז מסוכן צו פאבליצירן א ניגון וואס איז לויטער קריטיק אדער זעלבסט-הומאר. אבער עס איז גלייבט זיך שווער אז מאטי דאנקט דעם קל חי שלא עשהו גוי פאר דער תאווה פון זיך גארגלען ביים ברעטל בשעת דער עולם קראכט, אזוי אז די מעסעדזש איז זייער נישט קלאר.

און אנדערע נקודה וואס באדערט מיר, ניינציג פראצענט פון די תאוות וואס ער רעכנט אויס צילט ער ניטאמאל דעם ארטאדאקסישן איד, אדער דעם אלגעמיינעם חסידישער איד, נאר דער אמעריקאנער חסידישער איד און אפשר טאקע נאר דער סאטמערער איד.

**אישתישבי** • 8טן דעצעמבער 2020

לנושא האשכול. קטלא קניא שרייבט: „לכאורה קען א גוי מאכן אן ענליכער חשבון, לאמיר זאגן ארום א דיעטע. . . אבער זעט אויס אז דאס פאלט מאטי'ן נישט איין."

אבער מאטי איז דאך גערעכט אז אונז האבן אסאך תאוות וואס זענען אנגעהאנגען אין מצוות און דאס מאכט עס עבודת השם. א גוי האט דאס נישט. אוודאי קען א גוי מאכן חשבונות פון א דיעטע אבער וואס האט ער מיט מצוות?

און בכלל לייגט קטלא אראפ כאילו מאטי זאגט אז אלע תאוות פין אידן זענען עבודת השם. ממילא האט קטלא קשיות פין פגע'נען פאר מנחה און נאך דוגמאות וואס מאטי דערמאנט נישט, און לדעת קטלא וואלט ער נישט געקענט זיי אויסרעכענען, ווייל זיי האבן גארנישט מיט עבודת השם. און דער אמת איז, אז אוודאי איז דא היבשע מיאוסע תאוות וואס אונז האבן, וואס זענען סתם משוגעתן און האבן גארנישט מיט אידישקייט, אבער דאך איז דא אסאך וואס האבן דירעקט יא מיט עבודת השם. און דאס זאגט מאטי. און ממילא איז שלא עשני גוי וואס האט דאס נישט.

און אפילו דאס וואס ער זאגט צום סוף וועגן ליב האבן קינדער, און קינדער וואס האבן ליב, איז אויך דער פשט אז א איד טוט עס לשם מצוה, ווייל אין אמת אויב נישט לשם מצוה זע איך נישט קיין סיבה אויף האבן צען קינדער.

און ער מאכט נישט אוועק א גוי, א גוי האט א תאווה איז עס חזיר טריף, ווייל ער האט נישט דער ברירה פין אין זין האבן לשם מצוה.

פארשטייט זיך אז דאס איז אלעס לאו דווקא מיין בליק אויף די ענינים, אבער עס דער אנגענומענער בליק פין חרדים.

**טאמבל סאס** • 9טן דעצעמבער 2020

איינער זאל זיך מרחם זיין און באפריינדן מאטי מיט אפאר גוים. אפשר פעלט אים די בעיסיק נאלידזש איבער זייער לעבן? מ'קען אנפאנגען ביי די קלינער פון שול און די גאז פאמפ סערוויס מען..

כאטש וואלט ער זיך געדארפט דורכרעדן מיט אזא איינעם בעפאר ער האט געמאכט די סאנג. דזשאן, טעלל מי, דו יו אלסא העוו לייק פעמילי מערידזשעס? דו יו אלסא הייער עי סינגער [לייק מי הע הע] ענד עי שפילער?

---

**הומאר • פארודיע**

# היימישע פאלקלאר און דיבטונגען

א „פארשער“ פון אונזער מוזיק־היסטאריע נעמט זיך צו א טיפער אונטערזוכונג פונעם קלאסישן ניגון „ס'רעגנט ס'גיסט“, און די ליינער ברענגען נאך מאטעריאל פאר דער לאבאראטאריע.

פון **כוכב און די ליינער**

קאווע שטיבל • א שמייכל • „היימישע פאלקלאר און דיכטונגען“ • 23סטן יוני – 23סטן אקטאבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6656.html

---

**כוכב** • 23סטן יוני 2014

לעצטנס האב איך מיך שטארק אריינגעלייגט אין אונזער רייכער היסטאריע פון מעלאדיע און פאלקלאר ניגונים, און וואס א טאג מער עס גייט דורך ווער איך מער איבערראשט איבער דעם גייסטרייכן ענדלאזן קוואל די מוזיק-היסטאריע פון דעם עם חכם ונבון איז באשאנקען.

פאר ווער ס'ווייסט, שלאגן אונזערעווארצלען טיף טיף אין חכמת המוזיק והפיוט, עמוק עמוק מי ימצאנו, אזש סלאוט זיך גאר זאגן אז כל אומה ולשון, יעדע ראסע און שטרעמונג, איז אויף איין וועג אדער דער אנדערער אינספירירט געווארן פון אונזערע אוצרות.

ארינגייענדיג טיפער האב איך מיך געגומען צענעמען און חקרנ'ען די היסטאריע און באדייטן פון געוויסע ספעציפישע וועלט באקאנטע ניגונים, וואס מיר אלע קינד און קייט זענען אויפגעוואקסן און אויפגעהאדעוועט געווארן דערמיט, קאמפאזירונגען, מעלאדיעס און פאעטן וואס האבן אונז באגלייט אין אונזער יוגנט, און איבערגעלאזט א באדייטנדע אימפערסיוו השפעה אויף שטענדיג.

נאך מי און פלאג איז מיר געלונגען צו מאכן באגריסווערנדע פארשריט אין דעם פעלד, און איך וויל דא פרעזענטירן את אשר העלה במצדתי פאר'ן ברייטן פובליקום, בעזרת קל גיבור ונורא. צום ערשט וועל איך אנהויבן מיט דעם קלאסישן בענקענדן ניגון וואס איר אלע געדענקט נאך פון וויגעלע ארויס און ברענגט ארויף נאסטאלגישע זכרונות, ווי פאלגנד:

ס'רעגנט ס'גיסט
די אלטע באבע הוסט
ס'קומט א פאליס
און ס'געט א שיס

צום ערשט דארף מען באוואונדערן די אומנות פון די גראמען, עס איז איבריג צו באטאנען די קונסט דערפון, ווי ממש יעדע צוויי זאצן גראמען וואונדערליך איינער מיט'ן צווייטן.

צו וויסן דעם מקור פון דעם ניגון האב איך מיך פארבינדן מיט אן אלצווייסער וגוגל שמו, והעלה חרס בידי... שטעלט ענק פאר וואס פאר א מיסטעריע עס נעמט ארום דעם ניגון, עד כדי כך, אז אפילו גוגל ווייסט נישט מבטן מי

יצא את השירה הזאת.
איז כדרכו פון די וויסנשאפטלער און די אקעדעמיקער, העל איך מיך נעמען צו דעם טעקסט אליין און צענעמען צושטייטלעך דעם ניגון, טריט נאך טריט, און אפשר וועלן מיר צווישן די שורות טרעפן מרגליות טובות וואס וועטווארפן א ליכט אויף דעם אפשטאם פון דעם ניגון.

מיין השערה איז, אז דער ניגון איז ווארשיינליך נתחבר געווארן אין די לעצטע עטליכע צענדליגער יארן, נאך דער צווייטער וועלט קריג. אויך בין איך ביי דער מיינונג, אז דער ניגון איז פארפאסט געווארן אדער אין אמעריקא אדער אין ענגלאנד, וכדומ', א לאנד וואו מ'רעדט ענגליש, ואפרש מעמדי:
נעמט די ערשטע צווי גראמען: 'גיסט' איז מיט א חיריק יו"ד, און 'הוסט' איז בשורשו מיט א מלאופים. אז די צוויי ווערטער זענען צוזאמענגעשטעלט אלס א גראם, מוז זיין, אז דאס איז געטון געווארן דורך אן אשכנזישער איד מיט א חסידישן לעצטיגן דיאלעקט, וואס האט געמאכט פון חיריק, שיריק און מלאופים, אלעס איין. האמיר שוין איין גרויסן אויסטערף.
נאך א נקודה: מ'זעט אז דער פאעט האט זיך באנוצט מיט'ןווארט 'פאליס'. דאס באדייט פאליציי אויף דער ענגלישער שפראך, און איז מיט די יארן פאראידישט געווארן. דאס ברענגט צו דער מסקנה, אז דער ניגון איז נתחבר געווארן דורך א אידיש-ענגליש רעדנדער פערזאן.

א סברא זאגט אז דאס האט א קינד געמאכט, ווייל קינדער זענען אלעמאל פארנומען מיט דער פאליציי: איך וועל רופן די פאליס, איך וועל זיין א פאליס, וכדו,' אבער דאס איז שוין נישט אזא שטארקע ראי,' און מ'קען זיך אפשר דינגען.

איז הכלל, לא בזכותי אלא בזכות אבותי, האמיר זוכה געווען ארייַנצוברענגען א נייער דערהער און באדייט און דעם ניגון עתיק וואס איז געווען טמיר ונעלם פאר יארן לאנג.

[פארקירצט]

מיינע איבריגע געפינסן איבער אנדערע באקאנטע פאלקלאר מעלאדיעס, ווי צום ביישפיל: איני מיני דיקסא דיני, ענע באנענע באנענע ספליט, שלום עליכם באקסעס, זשאני סטעפס, און וואן פאטעיטע טו פאטעטיטע טרי פאטעטא פור, וועט נאכפאלגן אין א קומענדיגער געלעגנהייט.

**אפטעמיסט** • 23סטן יוני 2014

כוכב, א ריזן דאנק פאר'ן נעמען די פליכט צו דערגיין די היסטאריע פון אונזער רייכער קולטור. אז איר טוט יא אין די ענינים, אפשר נעמט איר דעם פאלגענדע ניגון צו דער לאבאטאריע?

ווער האט גע'גנב'ט די קיכל פון דער פושקע?
ווער איך?
יא דיך!
קען נישט זיין,
איז ווער דען?

**דולה ומשקה** • 23סטן יוני 2014

דאס פלעגן די מאמעס זינגען פאר די יונגערע קינדער ביים איינשלעפן די קינדער, אין דער מאמאראשער געגענד:

פארן שלאפן לייגן
טון מיר זיך נעגל וואסער צוגרייטן

לא לא לא-לא לא-לא לא

אינדערפרי ווען איך שטיי אויף
זאג איך מודה אני,
און איך גיס מיך די הענטעלעך שנעל אפ

***

קינדער שלאפן קינדער
דער טאג איז שוין אנטלאפן
אלע קינדערליך פון גרויס ביז קליין
דארפן שלאפן גיין
און קיין מורא איז נישט דא
עס איז דא א באשעפער
אין נישט קיינעם נאר דער איינעם
--- [חסר כמה תיבות]
א גוטע נאכט

**געפילטע פיש** • 23סטן יוני 2014

„והעלה חרס בידי. . .“

It's Raining, It's Pouring

**משולם שטיינפעלד** • 5טן אקטאבער 2014

„ווער האט גע'גנב'ט די קיכל פון דער פושקע?“

אפגעקויפט פון א פאסטוך

**כוכב** • 23סטן אקטאבער 2014

לעצטנס האב איך שטודירט דעם פאלגנדן קלאסיק מעלאדיע:

הונט הונט,
ביזט עשיו'ס קינד
אויב דו וועסט מיך בייסן
וועל איך דיר צרייסן

מיין טעזע דערציילט אז דער ניגון איז ווארשיינליך אינספירירט פון דעם באקאנטן מאמר חז"ל, אז עשיו האט אין אמת'ן געוואלט בייסן דעם יעקב'ן, נאר זיין האלז איז אים הארט געווארן, און דערפאר האט ער אים געמוזט קישן. דעריבער זאגט מען פאר'ן הונט, אויב בייסטו, דעמאלט האסטו סימפטאמען פון אן עשיו אפשטאמיגער וראה הזהרתיך.

**נתן מנחם** • 23סטן אקטאבער 2014

ביי אונז אין גאליציע פלעגט מען זאגן ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו. און דערנאך איז מען אנטלאפן. נישט געוועזן צייט צו זינגען ניגונים

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי הייפעלעך קורצע געלעכטערס: זאצן וואס האבן די שרייבער „אראפגעווארפן פון בענקל“, חכמות פון קינדער, און ווערטלעך פון פשוטע אידן.

## זאצן וואס האבן צעשטורעמט פאר געלעכטער

**זר זהב:**

פון א נאטיץ אין א צייטונג: „סטרעס הייבט הארץ אטאקע ריזיקע, אבער נאר ביי מענטשן וואס האלטן אז סטרעס הייבט די ריזיקע.“

**ישמעאל הכהן:**

פון אן אדווערטייזמענט פון דעם וויליאמסבורג־בארא פארק באס: „אויב זענט איר צופרידן פון אונזערע סערוויס ביטע לאזט וויסן אייערע פריינד.“

**אביתר פריעדמאן:**

„נאך דעם וואס איך האב אים צעדריקט צום טויט האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער איז נישט דער זעלבער פליג וואס זשימעט מיר שוין פאר דער לעצטער האלבער שעה, נאר ער איז זיינס א ברודער. . .“

קאווע שטיבל • 22סטן יולי 2013–25סטן מאי 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1858.html

## קינדערישע חכמה'לעך

**רויטע וואנצעס:**

מיין פיר יעריג אינגל האט היינט מחדש געווען, אז די הינדלך ווינען ביי כפרה שלאגן, ווייל זיי ווילן נישט נעמען די עבירות.

**טייערע ברודער:**

מיין זון פארציילט אז ס'איז אמאל געווען צוויי קינדער אין חדר וואס האבן זיך שטענדיג געשלאגן איינער מיט'ן צווייטן. דער מלמד האט פראבירט שלום צו מאכן אבער ס'איז נישט געלונגען.

איין טאג האט דער מנהל זיי אריין גערופן און געפרעגט וואס איז פשט אין דער התנהגות? ענטפערן די קינדער: "אונז שפילן טאטי'ס און מאמי'ס!"

קאווע שטיבל • 10טן אקטאבער 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5105.html

## ווערטלעך פון אמעראצעם

**דער גאלדענער אדלער:**

כ'האב עס געהערט פון בעל המעשה אליינס, האט ער דערציילט אז דער סאטמארער רבי דער בעל ויואל משה איז אמאל געקומען אין חדר פארהערן, האט ער געפרעגט איינעם פון די קינדער וואס טייטש "ושניים יסעו"? האט ער עם געענטפערט "און די יארן לויפן"!

**פאלאצ'ינטא:**

דער יארמער רב זאל מאריך ימים ושנים זיין האט אמאל געזאגט אז ער האט אמאל געהערט ווי א גור'ר בחור זאגט די ברכות...

בא"ה אמ"ה שלא עשני כרצונו

**berlbalaguleh:**

נאך א מעשה וואס הרהצה"ק מ'טאהש זצוק"ל האט אייביג געבעטן מ'זאל איבערדערציילן. איבער אן עם הארץ וועלכער האט ביי דער הגדה וואו ס'שטייט תם מה הוא אומר. האט ער געזאגט מיט א תמימות און געוויזן מיט זיין פינגער אויף ארויף...טאם...דארטן (אויבן אין הימל) מה הוא אומר. וואס זאגט דער אייבישטער...! (אויף רוסיש הייסט ..."טאם"... דארטן)

קאווע שטיבל • 29סטן יאנואר 2022 – 2טן יאנואר 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15121.html

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 22סטן פעברואר, אין פריערדיגע יארן? צוויי מאל פורים: א בחור וואס טאנצט מיט א בעזים, און א שפאציר איבער די וויליאמסבורגער גאסן.

**22**
יאר צוריק
2005

## איז פורים א פרייליכער טאג?

**שמעק_טאביק** • הײדפארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • 22סטן פעברואר 2005

מענין לענין באותו ענין. הגם ס'איז שוין פילייכט באקאנט פאר רובא דרובא פון די לייענער דא די מעשה וואס איך האב אמאל געהערט.

אין א געוויסע ישיבה האט זיך געפינען א לעבעדיג בחור'ל. ווען עס איז געקומען אדר, איז ער געווארן פרייליך און לוסטיג, כמאמרם ז"ל משנכנס אדר מרבין בשמחה. ער האט גענומען א בעזים אין האנט און געטאנצן, געשפרינגען און געבארדעט. דער ראש ישיבה האט אים געטראפן טאנצן מיט א בעזים, שטעלט ער אים אפ מיט א הארבן "היתכן"? וואס איז דאס אינמיטן זמן הישיבה?

"וואס הייסט?" פארענטפערט זיך דער בחור, "עס שטייט דאך משנכנס אדר מרבין בשמחה"!

"נו, דאס הייסט דען מרבין בשמחה? דאס איז שמחה?" מוסר'ט אים דער ראש ישיבה ווייטער, "שמחה מיינט מען די תורה הקדושה, אויף וואס עס שטייט פיקודי ה' ישרים משמחי לב! נישט די נארישקייטן! מרבין בשמחה מיינט מרבה זיין אין תורה!"

דער בחור קוקט אים אן מיט 2 גרויסע אויגן.

"וואס קוקסטו אזוי אויף מיר?" פרעגט דער ראש ישיבה, "וואס איז דא אזוי אומפארשטענדליך"?

"גארנישט" - ענטפערט דער בחור - "נאר דער ראש ישיבה זאל געדענקען די ווערטער אויף חודש אב, ווען ס'איז ממעטין בשמחה"...

https://hydepark.sites.tab.bot/t/1291156.html

12
יאר צוריק
2015

## פורים שטעלט זיך ארויס דער חילוק פון דעם איד און דער גוי

**קאך_לעפל** • קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • 22סטן פעברואר 2015

אזוי ווי דער הייליגער יו"ט פורים שטייט שוין ביי דער טיר, די פיבערהאפטיגע הכנות צום הייליגן יו"ט המשמש ובא, גייען שוין אן אין פולן שוואנג, די בשר בהמה פיקלען זיך שוין, און די גרוך פון די פיינע פרישע האלאפצעס פארפילט שוין די ליפט, דע מאן אנגעפילטע המן טאשן שמייכלען שוין ארויס פון אויבן, די שאכטעלן פון אלערליי פארשטעלעכצעס ווערן שוין אראפ געשלעפט פון די שטויביגע פאליצעס, די יענטעס פלוישן שוין אויף די טעלעפאנען איבער זייער מעכטיגע איידיעס פון משלוחמאנעס...... בקיצור קינד און קייט, גרויס ביז קליין אלעס גרייט זיך מיט פיבערהאפטיגע הכנות צום הייליגן יו"ט פורים הבעל"ט.......

ווי באוויסט איז איינע פון די גרעסטע מצות היום דעם חייב אינוש לבוסימי בפריא עד דלא ידע.......

פורים טרינקט זיך דער עולם אן ווי עס באדארף צו זיין.... דער עולם איז פרייליך מען לעבט אויף אלע באקן...... און די נאכווייען שפירן זיך ביז פסח.......

דער הייליגער רבי דער ברך משה זי"ע פרעגט זאגן אז עס איז טאקע פארהאן א סאך פשטים אויף חייב אינוש לביסמי עד דלא ידע, אבער רש"י זאגט ביין... פשיטו כמשמעו מען דארף זיך אזוי אנטרינקען אז מען זאל נישט וויסן בחייכון וביומיכון.... און ער פרעגט אויספירן... אינו לערנען פשוט אזוי ווי רש"... ביין.... ער פרעגט אויך נאך זאגן פון הייליגן דברי חיים זי"ע אז איבעראל ווי די חז"ל האבן געזאגט דער לשון חייב, מיינט דאס מיט מס"נ ממש, פרעגט דער רבי צו זאגן.... אז אפי' מיך איז שווער צו טרינקען.... אבער חייב מיינט אז מען דארף האבן מס"נ דערפאר....

שפאצירענדיג אראפ די וויליאמסבורגער גאסן אין פורים, איז א הערליך בילד צו זען ווי אזוי דער משקה המשכר שלאגט אויס ביי יעדעם איינעם אויף א צווייטן אופן.....

דער חסידישער איד טרינקט זיך אן, און ער פארט גלייך אריין אין א הייליגע אטמעספער.... ער טיט זיך אן דעם שלאף קאפל, מיטן ווייסן גארטעל..... און טיילט הייליגע ברכות לרוב........ און זינגט מיט א התלהבות .... אוי ווי גוט אין וואויל.... וועט זיין בביאת הגואל..... די אלע וואס האבן זיך אין דער שיטה געפירט...... די שיטה הקדושה... ויואל משה האט ער זיך נישט אוועק גערירט....... טדיי טריי דא דא דא דיי ........

דער איידעם דער טשאשקע ניצט אויס די געלעגענהייט אריין צו זאגן פארן שוויגער.... אלעס וואס מען קען נישט זאגן ווען מען איז ניכטער........

דער באם פאלט אריין אין א גוסטע פון ליבשאפט, נעמט ארום און קישט אלע זיינע פרענדס מיט אן אהבה שאין התלייה בדבר.....

דער ת"ח קימט אויף מיט מאנדע קישות און שיטות און פארדרייט יעדעם א קאפ מיט חקירות, וואס אז מען איז ניכטער איז גארנישט שווער......

דער מקובל רעדט נאר ווי אזוי ער האט געזען די שכינה לייוו ביי דער מגילה.......

עס שרייט זיך ארויס דעם שהבדיל לנו מן התועים.... ווען די גוים וואלטן ווען געהאט א מצוה פון חייב אינוש לבוסימי... וויפול טויטע וואלטן ווען געווען? וויפול מלחמות און שלעעגעריי וואלט ווען פארגעקומען אין די גאסן? וויפול ניוול פה וואלט ווען צוזאם גערעדט געווארן?

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8332.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם שמועס וועגן חרדי'שע הומאר (זעט „א שמועס פון דער וואך“) האט מען גערעדט וועגן בדחנים מיט זייערע צעטלעך. „הייליגע קוה“ האט א פארשלאג:

”

יעדער וואס גייט אריין אין סטענדאפ, די ערשטע דזשאוק וואס זיי מאכן, ברשות וכו׳ איך האב מיך נישט צוגעגרייט וכו׳ און ער נעמט ארויס א פעקל צעטלעך פון טאש.....

איך קען שוין נישט איך האלט אז אויף צי מאכן סטענד אפ מוז מען האבן א לייסענס, און ווער עס וועט מאכן די דאזיגע joke וועט גלייך פארלירן די לייסענס.

**הייליגע קוה** • קאווע שטיבל • 9טן אפריל 2024

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16971.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפט־ארטיקל • פעליעטאן** | „ווען ארבעט א בדחן?“ · **שאץ מאץ**<br>די ערשטע חסידישע בלאגס · שאץ מאץ · אשכול „ווען ארבעט א בדחן?“ · 13טן אפריל 2010<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/26.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „חרדי'שע הומאר: וואס פארשטייט א גוי?“ · **אפטימיסטיש, הכנה דרבה, berlbalaguleh און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „חרדי'שע הומאר - וואס פארשטייט א גוי“ · 3טן–25סטן אפריל 2024<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16971.html |
| **וויסנשאפט** | „די פלאכע־ערד געמיינדע“ · **יאיר, יידל און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „עקסטרעמע קאנספיראציע גלויביגע - די פלאכע ערד געמיינדע“ · 16טן–17טן נאוועמבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2368.html |
| **היסטאריע • מנהגים** | „פון וואנען נעמט זיך דאס פארשטעלן פורים?“ · **צדיקל, א געלעכטער, דולה ומשקה און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „מקור פון "זיך פארשטעלן" פורים“ · 6טן מערץ 2012 – 20סטן פעברואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/95.html |
| **איבערלעבונגען** | „שלימזל'דיגע מעשיות“ · **בעל מדות, געוואלדיג און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „שלימזל'דיגע אנעקדאטן און טשעקאווע פאסירונגען“ · 12טן יוני – 4טן סעפטעמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9090.html |
| **קולטור • רעצענזיע** | „„אידישע תאוות“: אידישער חווק אדער גוי־פאביע?“ · **קטלא קניא, אישתישבי און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · געזעלשאפט · אשכול „מאטי אילאוויטש'ס "אידישע תאוות": אידישער חווק אדער גוי'פאביע“ · 8טן–9טן דעצעמבער 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14369.html |
| **הומאר • פארודיע** | „היימישע פאלקלאר און דיכטונגען“ · **כוכב און די ליינער**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „היימישע פאלקלאר און דיכטונגען“ · 23סטן יוני – 23סטן אקטאבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6656.html |
| **היינט מיט 22 יאר צוריק** | „איז פורים א פרייליכער טאג?“ · **שמעק_טאביק** · היידפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · 22סטן פעברואר 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1291156.html |
| **היינט מיט 12 יאר צוריק** | „פורים שטעלט זיך ארויס דער חילוק פון דעם איד און דער גוי“ · **קאך_לעפל** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 22סטן פעברואר 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8332.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „זאצן וואס האבן צעשטורעמט פאר געלעכטער“ · **זר זהב / ישמעאל הכהן / אביתר פריעדמאן** · קאווע שטיבל · 22סטן יולי 2013–25סטן מאי 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1858.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „קינדערישע חכמה'לעך“ · **רויטע וואנצעס / טייערע ברודער** · קאווע שטיבל · 10טן אקטאבער 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5105.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ווערטלעך פון אמעראצעם“ · **דער גאלדענער אדלער / פאלאצ'ינטא / berlbalaguleh** · קאווע שטיבל · 29סטן יאנואר 2022 – 2טן יאנואר 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15121.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **הייליגע קוה** · קאווע שטיבל · 9טן אפריל 2024<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16971.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 25סטן פעברואר – נומער 37, אויף פרשת כי תשא; מאנטאג, דעם 1טן מערץ – נומער 38

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.